STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03386

OT AZOY ZEGT A STOLYER

Khaim Margoles Davidzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָט אַזוי זעגט אַ סטאָליער

דערציילונג וועגן
דעם לעבן פון
אידן אין דער
וואַרשעווער געטאָ.

פון
כאַים מאַרגאָלעס דאווידזאָן

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „וואַרשע" • • • • ניו יאָרק, 1945.

די דערציילונג „אַט אַזוי זעגט אַ סטאָליער“ איז די ערשטע פון אַ ריי דערציילונגען וועגן דעם פּיינפולן, אָבער צוגלייך דערמיט אויך דעם הערֹאישן אידישן לעבן אין דער וואַרשעווער געטאָ, אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע.

די ווייטערדיקע דערציילונגען וועלן דערשיינען אין אַזעלכע קליינע ביכלעך ווי דאָס איצטיקע, אַזוי גיך ווי עס וועט נאָר טעכניש און פינאַנציעל מעגלעך זיין.

פון זעלבן מעכאַבער זענען ביז איצט דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער:

„געשלאָסענע רייען“ (דערציילונגען) — 244 זייטן, 1935

„אין אַזאַ צייט לעבן מיר“ — — — — 298 זייטן, 1938

„ביטשלאַנד“ (אַנטי־נאַצי דערציילונגען), 48 זייטן, 1939

„איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער“ — — — 1־טער באַנד, 1941
(מילכאָמע־טרילאָגיע וועגן דער ערשטער 2־טער באַנד, 1942
וועלט־מילכאָמע און רעוואָלוציע) 3־טער באַנד, 1944
} 900 זייטן.

[illegible] מיט אַכטונג.
כאַים מאַרגאָליס-דאַווידזאָן

אַט אַזוי זעגט אַ סטאָליער

דערציילונג וועגן
דעם לעבן פון
אידן אין דער
וואַרשעווער געטאָ.

פון
כאַים
מארגאלעס
דאַווידזאָן

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „וואַרשע" . . . . ניו יאָרק, 1945.

דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע שוועסטערקינדער
דאַוויד און איסראָעל ריינדאָרף,
מיט זייערע מישפּאָכעס, וועלכע זיינען — צוזאַמען מיט די אַנדערע אידישע קעדוישים — אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס אין דער וואַרשעווער געטאָ.

"OT AZOY ZEGT A STOLIER"
(That's How a Carpenter Does His Sawing)
A Story of Jewish Life in the Warsaw Ghetto

Copyright by
H. DAVIDSON
2855 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

Published by "WARSHE" PUBLISHING
New York, 1945
PRINTED IN U.S.A.
209

שאַר־בלאַט געצייכנט פון סעמיועל ריינדאָרף

אָט אַזוי זעגט אַ סטאָליער

(דערציילונג)

אַז עס האָט זיך שוין געהאַט עטוואָס איינגעשטילט, משטיינסגעזאָגט; אַז די אידן אין דער ביי־איינגעשטעלטער וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך שוין געהאַט אַביסל צוגעוואוינט צו די נייע טעגלעכע ווילדע גזיירעס פון די נאַציס, — האָט ערשט כאַים־כיל, דער סטאָליער, זיך גענומען פאַרקען ביי זיין גרויסן, שווערן קאַסטן, מיט וועלכן ער איז יאָרן לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן פון שטאָט, און זיך מיט־אַמאָל גענומען צום דורכקוקן זיינע קיילים און צום שאַרפן זיינע זעגן.

אייגנטלעך, צוליב וואָס ער טוט עס איצט, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. גיכער איז עס געווען פאַשעט פון געוואוינשאַפט. וואָרים ניט עס האָט גע־האַלטן דערביי, אַז ער זאָל אַרויסגיין — ווי אין די פריערדיקע צייטן — זוכן אַרבעט, און עס איז סיי ווי סיי ניט מעגלעך געווען ווען ער זאָל עס אַפילע וועלן. די צעטומלטקייט און צערודערונג איז נאָך צו שאַרף געווען, אַז עס זאָל עמעצן ליגן אין זינען צו לאָזן פאַריכטן אַ צעפאַרן בענקל, אָדער אַ צעבראָכענעם פוס פון אַ טיש. פערל, זיין ווייב מיט די בילמעדיקע אויגן, האָט עס טאַקע געזאָגט אַף איר אייגנאַרטיקן שאַרפן שטייגער:

— איצט, ווען אַ וועלט מיט מענטשן ווערן צעבראָכן יעדע רעגע פון טאָג און קיינער קוקט זיך ניט אום אַף זיי, ווער וועט עס זיך אָפּגעבן מיט לאָזן פאַריכטן אַ צעבראָכן בענקל?...

כאַים־כיל, ווידער, האָט — ווי אַ טאָם — מעלאַנכאָליש אַ זאָג געטאָן אַ צעכושטן „האַ" און גלייך אָפּגעלאָזן די הענט. ער האָט באַגריפן, אַז זי איז טאַקע גערעכט.

ער, כאַים־כיל, — כאָטש אַ גייער איבער די הויפן, איז גראָד געווען אַ גוטער באַלמעלאָכע, אַף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט אַרבעטן אין די בעסטע וואַרשטאַטן, ביים פיינסטן מעבל. דער עמעס איז טאַקע געוועזן, אַז פריער, באַכערווייז, הייסט עס, איידער ער איז נאָך געגומען געוואָרן

אין מיליטער, האָט ער טאַקע געאַרבעט אין אַ מעבל־וואַרשטאַט. שפּעטער, אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אויסגעדינט זיין צייט, איז אַהיימגעקומען און כאַסענע געהאַט מיט פּערלען, — האָט ער געבעטן אַ הויסאָפּע ביי זיין באַלעבאָס, ווייל ער דאַרף שוין איצט מעפּאַרנעס זיין אַ ווייב און . . . אַז יענער האָט עס אים אָפּגעזאָגט, האָט ער, כאַים־כיל, אַ שפּיי געטאָן און איז געוואָרן באַלעבאָס פאַר זיך:

— נישקאָשע, — האָט ער זיך און פּערלען געטרייסט, — דאָס שטיקל קאָבצאַנסקע ברויט וואָס איך פאַרדין ביי אים, וועל איך זיך אַלעמאָל קאָנען פאַרדינען און וועל נאָך דערצו ניט דאַרפן זיין פאַרקויפט צו קיינעם...

איז כאָטש ער האָט דעמלט אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די הויפן פון שטאָט, וואו עס פלעגט זיך אים מאַכן בלויז צו פאַריכטן אַן אַרויסגעפאַלן פּיסל פון אַ שטול, אָדער אַ צעפּאַרענעם טיש, צי אַ בעט, האָט כאַים־כיל, אָבער, — דער גוטער באַלמעלאָכע אין אים — טאָמיד געהאַט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַלע מינים קיילים און אינסטרומענטן: פון אַ רייס־הובעל און אַ גלעט־הובעל, ביז צו אַ רובאַנעק און אַ געזימס־שניידער; פאַרשידענע האַמערס, אָפּצווענגעס און קלאַמרעס, דלאָטעס, שטאַמאייזנס און ציקלינעס; קאָלבעס, עגבערס און צענטער־בויערס; ראַש־פּיילן און גלעט־פּיילן, גלאָז־פּאַפּיר און שמערגל־פּאַפּיר, שאַרף־שטיינדלעך און אַ סמיגע־ווינקל... ערשט די פאַרשידענע זעגן זיינע, וואָס זענען — סיי די ריפּ־זעג, סיי די שטאָך־זעג, ביז די קליין־צאָניקע אָדער דלוזשנע — טאָמיד געווען ביי אים ריכטיק גע־פּעלשט און אַזוי אויסגעשאַרפּט, פּונקט ווי די כאַלאָפים ביי אַ שויכעט . . . דער קאַסטן זיינער איז אַזויאַרום געווען אַ גרויסער, אַ שווערער, וואָס האָט אים מאַמעש מיט דעם הענג־פּאַסיק דעם אַקסל אַרונטערגעריסן . . .

שווער איז כאַים־כילן אָנגעקומען דאָס ביסל פּאַרנאָסע, פּונקט ווי עס איז אים שווער געווען דער קאַסטן מיט די קיילים, וואָס ער האָט אַף זיך געדזשוויגעט אַ גאַנצן טאָג. און ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען ער איז אַהיים־געקומען אַ מידער פון אַרומשלעפּן זיך איבער די סאַמע וויטסטע גאַסן און געסלעך, האָט ער אַט דעם שווערן קאַסטן קוים געקאָנט אַרויפשלעפּן אַפן פערטן שטאָק, וואו ער האָט געהאַט די צוויי שמאָלע, לאַנגע צימערלעך, — די דירע זיינע...

פּערל פלעגט זיך אָפּט מעצאַער זיין, בעאייס זי האָט געזען ווי אַפילע אין די גרעסטע פרעסט גיסט זיך פון אים דער שווייס, קלעטערנדיק אַרויפצו, איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ, מיטן קאַסטן זיינעם. טאָמיד, אַזוי גיך ווי ער פלעגט נאָר אַריינקומען אין שטוב, האָט זי גלייך אַ כאַפּ געטאָן ביים אַקסל־פּאַסיק, אים געהאָלפן אַרונטערשטעלן דעם קאַסטן און — בעאייס זי

האָט גענומען גרייטן צום טיש דאָס ביסל וועטשערע פאַר אים — געפּלעגט פאַרזיכטיק אַריינוואַרפן:

— איך בעט דיך, כאַים־כיל, זאָג דו מיר, צו וואָס דאַרפסטו דאָס מיט־שלעפּן אַט די אַלע מאַכעררייקעס?... נו, אַט איז דאָך דער גלעזער בערל אויך אַ סטאָליער וואָס גייט איבער די הויפן, פונדעסטוועגן . . . מער ווי אַן איינציקע זעג, אַ שטיקל הובעל, אַ האַמער מיט אַ טעפּעלע קלעי, נעמט ער ניט מיט זיך און . . . זעסט דאָך, געלויבט צו גאָט, ער מאַכט די זעלביקע גליקן וואָס דו...

אָבער כאַים־כיל האָט דערויף געהאַט איין ענטפער:

— אַ באַלמעלאָכע אָן קיילים, איז ווי אַ מענטש אָן פינגער, — קיין באַלמעלאָכע ניט. מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן וואָסער אַרבעט עס וועט זיך מאַכן און וואָסער סאָרט קיילע מען וועט דאַרפן...

און אַף צומאָרגנס איז ער ווידער אַוועק, אַן איינגעבויגענער, אַן איינ־געהויקערטער, מיט אַ נידעריקן אַקסל אַף וועלכן עס איז געהאַנגען דער פאַסיק מיטן שווערן קאַסטן, און זיך געלאָזן איבער די הויפן, קלאַפּנדיק מיטן צינגל פון דער זעג און דערביי, מיט זיין ליריש־ווייכער שטימע, אויסגעזונגען אינעם כאַראַקטעריסטיש־וואַרשעווער דיאַלעקט:

— „צי פאַראַכטן, צי פאַרלאַמען, שטילן, בעטן, טישן;
צי פאַליטורן מעבל, עס באַנאַיען און באַפרישן . . .“

די ווייבער פון געגנט האָבן שוין געוואוסט, אַז ער, כאַים־כיל, איז ניט נאָר אַ גוטער באַלמעלאָכע, נאָר אַז ער איז אויך ניט קיין באַרייסער. און אַז עמעצער פון זיי האָט געדאַרפט האָבן צו פאַריכטן עפּעס אַ שטיקל מעבל אין הויז, האָט זי שוין אָפּגעוואַרט דעם טאָג ביז עס האָט זיך פון הויף דער־הערט זיין באַקאַנט געזאַנג. נאָך מער: מענטשן האָבן שוין אַפילע געוואוסט לויט זיין זינגען, לויט דער מעלאָדיע, צי עס איז אים גוט אָפּן האַרצן, אָדער כאַלילע פאַרקערט. וואָרים אַ טעווע האָט ער געהאַט, כאַים־כיל, אַז בעת ער איז געווען גוט אויפגעלייגט האָט ער זיין פּיזמען אויסגעזונגען מיטן ניגן פון „אַקדאָמויס“. טאָמער, אָבער, כאַלילע פאַרקערט, איז דער ניגן שוין געווען אַ טרויעריקער, צעצויגענער, ווי פון „איכאָ“...

נאָך אַן אייגנאַרטיקן איינשטעל האָט ער געהאַט וועגן זיין גיין איבער די הויפן. ער איז זיך נויעג געווען אַזוי: דריי טעג אין וואָך — דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק, — פלעגט ער אַוועקגיין אין די ווייטערע, אין די „גאַיעשע“ גאַסן, דאָס הייסט — אין די רייכערע געגנטן, וואו עס וואוינען די „דאַטשישע“ אידן. דאָרט פלעגט זיך אים טאָקע אָפט מאַכן צו פאַריכטן עפּעס אַ גוטן קרעדענץ, אָדער אַזוי אַן אַנטיק שטיקל מעבל, פון וועלכן ער אַליין

האָט האַנאַע געהאַט און דערביי אַמאָל אויך נישקאַשעדיק פאַרדינט... דער־פאַר, אָבער, זונטיק, מאָנטיק און פרייטיק, פלעגט ער שוין גיין בלויז אין די נאָענטע, די אָרעמע גאַסן, ניט ווייט פון זיין אייגענער וואוינונג.

ער האָט דערויף געהאַט זיין אייגענע פילאָזאָפיע:

— זונטיק און מאָנטיק, — פלעגט ער זאָגן, — זענען די רייכע לייט פאַרנומען מיט די קאָפּ־ווייטיקן פון נעכטיקע הוליאַנקעס און עס ליגט זיי ניט אין זינען קיין באַלעבאַטישקייטן . . . פרייטיק, ווידער, האָב איך מיין אייגענעם קאָפּ־ווייטיק, צו זען, אַז איך זאָל כאָלילע ניט פאַרשפּעטיקן צו גיין אין מערכעץ אַריין און, לעהאַוודל, צו קאַבאַלעס־שאַבעס אין שול אַריין...

איבעריק צו זאָגן, אַז פון זיין גאַנצער אַרבעט האָט כאַים־כיל קיין גליקן ניט געמאַכט. אין שלעכטע טעג, אַז ער פלעגט אַהיימקומען מיט קנאַפּן פאַרדינסט, פלעגט אים פּערל מיט קוים־אָנזעבאַרן כויזעק שטעכעלירן:

— נו, אַדראַבע, איך פרעג דיך, כאַים־כיל, וואָס טויג מיר דער שיינער נאָמען דיינער, אַז אין געוועלבל גילט עס ניט ? . . . דאַרט וויל מען ניט קיין קלינגענדיקן נאָמען, נאָר עמעסע קלינגגערס!...

כאַים־כיל האָט געדולדיק אויסגעהערט און גאָרניט געענטפערט. ער פלעגט בלויז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט:

— עט . . .

טרויעריק איז געווען זייער לעבן, כאַים־כילס און פּערלס. דאָס איינציקע כיעס זייערס איז געווען די צוויי אינגלעך זייערע — דאַווטשע און מיילעך. אָפּגעשפּאָרט פון אייגענעם מויל און אַלץ פאַר זיי. די האָפענונגען, די טרוימען, אַז וואָס־וואָס, אָבער די קינדער דאַרף מען פּילעווען, לערנען, און גאָט וועט העלפן; מען וועט דערפאַר שפּעטער פון זיי נאַכעס האָבן, — האָט זיי אויפ־געהאַלטן. האָט דעריבער פּערל מיט צערטלעכקייט זיי געפּילעוועט, געקעכלט און זיי ריין־געהאַלטן. זי האָט מיט שטאָלץ געקרייזלט זייערע פּייעלעך יעדעס מאָל איידער זי האָט זיי אַרויסגעפּראַוועט אין טאַלמוד־טוירע אַריין, וואו זיי האָבן זיך — לויט דעם לויב פון זייערע מעלאַמדים — גאָר גוט געלערנט. און בעעמעס: שוין צו זעקס יאָר האָט דער עלטערער, דאַווטשע, געלערנט אַ שטיקל געמאָרע, און דער אינגערער, מיילעך, האָט אויך נישקאַשע אונטער־געהאַלטן. כאַים־כיל און פּערל האָבן פרום געהאָפט, אַז די קינדער זייערע וועלן נאָך אויסוואַקסן געאוינים, אָן אין־האָרע...

עס איז אָבער, אַפּאַנים, זיי ביידן, כאַים־כילן און פּערלען, הייסט עס, ניט באַשערט געווען קיין נאַכעס פון די קינדער זייערע. ווען די אינגלעך — שוין פון לאַנג שוואַכע און הוסטנדיקע — זענען אַלט געוואָרן צו צען און אַכט יאָר, האָבן זיך באַ זיי מיטאַמאָל — ווי אויפגעבליטע רויזן איבער נאַכט

— באַוויזן רויטע, פאַרדעכטיקע פלעקן... צום ערשטן דער אינגערער, דער־נאָך דער עלטערער, האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט און דער דאָקטאָר האָט געהייסן זיי גלייך אַוועקשיקן קיין טשעכאָטשינעק, אָדער אַזוי ערגעץ אין אַ סאַניטאַריום אַריין. אין דער היים, ביי דער אָרעמקייט, האָט מען זיי שוין מער ניט געטאָרט האַלטן...

* * * * *

ווען די בעהאָלע האָט זיך אָנגעפאַנגען; ווען די נאַצישע עראָפּלאַנען האָבן זיך — ווי שוואַרצע פלעדערמייז — צעווילדעוועט אַ צעיאָג געטאָן איבער די אידישע גאַסן פון וואַרשע און באַוואָרפן די געדיכט־באַוואוינטע הייזער מיט באָמבעס; ווען עס האָט זיך אין דער געגנט גענומען טראָגן דער געצאַפּל פון די אויפרייסן, און דער געדונער פון איינפאַלנדיקע דעכער און ווענט האָט — צוזאַמען מיטן וואַפנע־שטויב — אָנגעפילט די לופט אַרום און אַרום, — איז אויך יענער הויף, וואו כאַים־כיל האָט פון זינט דער כאַסענע זיינער געוואוינט, געוואָרן אויפגערודערט. עמעס, קיין באָמבעס זענען נאָך איבער דעם הויף ניט געפאַלן. קיין געהאַרגעטע און קאַליעטשעטע זענען דערוויל, גאָט צו דאַנקען, אויך דאָרט ניט געווען. די שרעק, אָבער, האָט אויך דאָרט סיי ווי סיי אַלעמען נאָר ווי פאַראַליזירט...

צי דאָס, וואָס קיין באָמבעס זענען דאָרט ניט געפאַלן, איז סתאָם געווען אַ גליקלעכער צופאַל, צי גאָר דערפאַר, וואָס די זיבן מויערן פון יענעם טאָפּלטן, קאַסטן־אַרטיקן הויף, זענען געווען דאָס אייגנטום פון הער רייך, דעם אַלטן דייטש, דעם כאַזער־קוילער, און די נאַצישע פליער האָבן פון ערגעץ געהאַט אַן אָנזאָג צו שוינען זיין פאַרמעגן, — איז בעאייס מאַיסע, פאַרשטייט זיך, ניט מעגלעך געווען צו וויסן. קען זיין, אַז מיט דער צייט וועט עפּשער אויך אָט דער רעטעניש פאַרענטפערט ווערן. הער רייך אַליין, דער גוטמוטיקער, סטולעוואַטער דייטש מיט די גרויע וואָנצעס איבערן פּאָנים, האָט זיך גראָד אויפגעפירט לייטיש. ער האָט גלייך צעעפנט זיין ריזיקע לודאָווניע, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער ערד פון דעם ערשטן הויף, און געהייסן די שכיינים זיך דאָרט באַהאַלטן אַף איבער דער צייט פון די עראָפּלאַן־אַטאַקעס. און כאָטש די שכיינים האָבן גאַנץ גוט געדענקט דעם געשטאַנק וואָס האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן בעאייס מען האָט געפלעגט צעעפענען דעם דעק אַף אַרונטערצעוואַרפן אייז אַהינצו, — האָבן זיך פונדעסטוועגן אַלע איינוואוינער פון הויף, צוזאַמען מיט רייכס גאַנצער מישפּאָכע און אַפילע סטאַניסלאַוו, דער סטרוזש פונעם הויף, אַרונטערגעלאָזט אַהינצו

דורך דער זייטיקער קעלער־טיר, טיף אַרונטערצו, ווי אין עפּעס אַ פּאַר־פּרוירענעם געהענעם אַריין, און דאָרט אָפּגעזעסן ביז עס איז אַריבער...

דאָרט, אין דער לודאָוניע, האָט מען קימאַט ניט געהערט די מאַסן אויפרייסן און דעם געפּלאַץ פון די הייזער. די אידן און אידענעס מיט זייערע קינדער, זענען געזעסן איינגעקאָרטשעטע און איינגענורעטע צווישן די הענגענדיקע ווייסע כאַזער־לייבער, און האָבן געציטערט. די הערצער ביי אַלעמען זענען געווען ווי פּאַרכאַלעשט סיי פון דער שרעק און סיי פון ניט־גוטקייט איבערן געשטאַנק. אַ גליק בלויז, וואָס דער ראָוו, רעב מייערל, וועלכער האָט אויך געוואוינט אָפּן זעלביקן הויף, און איז, פאַרשטייט זיך, געווען צוזאַמען מיט זיי — האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אויסרעדן אַלעמען און טרייסטן:

— נאָר ביטאָכן, אידן! נאָר ביטאָכן, און גאָט וועט אים־אירצע־האַשעם ראַכמאָנעס האָבן און העלפן. די רעשאָאים וועלן אייביק ניט געוועלטיקן. זיי וועלן אָפּגעמעקט ווערן פונעם פּאָנים פון דער ערד!...

אָבער גיי האָב ביטאָכן, אַז צווישן די אידן אינעם קעלער האָבן זיך געטראָגן אַלערליי מוירעדיקע קלאַנגען. אָט האָט עמעצער פון זיי דערציילט, אַז פינף באָמבעס זענען געפאַלן אין נאַזישקס הויף אָף דער דזשעלנע גאַס און געמאַכט דערפון פּוך און פּראַך . . . אַ צווייטער איד האָט געזאָגט, ער האָט פריער געהערט, אַז קאַלוואַריעס הויף אָף פּאָווע גאַס איז שוין אינגאַנצן כאָרעוו; אַז די שול, דאָס בעסמעדרעש און, לעהאַוודל, די מיקווע, זענען אינגאַנצן צעשטערט, און אַז עס זענען דאָרט, ניט דאָ געדאַכט, אומגעקומען אַריבער אַ הונדערט אידן... אַ אידענע האָט היסטעריש אויסגעוויינט, וואָס זי האָט פריער ערגעץ געהערט, אַז די ווילדע נאַציס האָבן נעכטן זיך אַ יאָג געטאָן איבער דעם אָטוואָצקער סאַניטאַריום און האָבן מיט די פּולעמיאָטן מאַמעש אויסגעקאָסעט אַלע קינדער פון דער סאַניטאַריע, וועלכע האָבן זיך גראָד געשפּילט אונטער דער אָנפירונג פון זייערע לערער . . .

פּערל און כאים־כיל, אַז זיי האָבן דאָס דערהערט, זענען געבליבן ווי צעדולטע. זיי זענען שוין מער ניט איינגעזעסן אָף זייערע פּלעצער. אָט זענען זיי צוגעגאַנגען צו איינעם, אָט צו אַ צווייטן, איבערגעפרעגט, גערעדט, גע־טאַינעט און געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט:

— גוואַלד, אידן, וואָס טוט מען?... וואו גייט מען, וואָס הויבט מען איצט אָן צו טאָן?... גוואַלד, די קינדער, אונדזערע קינדער!...

די אַרומזיצנדיקע האָבן געקוקט אָף זיי מיט צעוויטיקטן באַדויער און געשוויגן. וואָרים וואָס, אייגנטלעך, האָבן זיי דען געקענט העלפן, זיי, וואָס זיינען אַליין געווען אומבאַהאָלפן און פאַרלוירן?...

שפּעטער, אַז די עראָפּלאַנען זענען אַוועק און דער אוילעם איז שוין אַרויס צוריק פון דער לודאַוניע, — איז פּערל גלייך אַריינגעלאָפן צום אַלטן רייך אין שטוב אַריין און — אין איין אָטעם — געגומען ווייגען און בעטן אַף אַ צעבראָכענעם געמיש פון אידיש, דייטש און פּויליש, אַז עפּשער וואָלט דער הער רייך געווען אַזוי גוט און אַנגעפרעגט דורך טעלעפאָן אין אָטוואָצק, אין דער סאַניטאַריע, אויסצוגעפינען וואָס די קינדער מאַכן...

כאַים־כיל, ווידער, האָט זיך גאָר גענומען לאָזן גיין אין גאַס אַרויס, געוואָלט גלייך פאָרן קיין אָטוואָצק, אַ קוק טאָן עפּשער וועט ער גאָר קאָנען אַהיימברענגען די קינדער:

— אין אַזאַ צייט, — האָט ער געטאַינעט, — זאָלן די קינדער בעסער זיין מיט אונדז צוזאַמען און וואָס עס וועט באַשערט זיין...

רעב מייערל, אָבער, דער ראָוו, וועלכער פלעגט געוויינטלעך זיצן ביים פענצטער וואָס צום הויף אַריין, אַז ער האָט דערזען כאַים־כילן זיך פאַרנעמען אַף אַרויסצוגיין אין גאַס אַרויס, — האָט אים שאַרף אויסגערעדט און גענומען שטראָפן:

— ווי אַטוואַזשעט זיך דאָס אַ איד אין אַזאַ צייט?!... זיצט איין, רעב כאַים־כיל, און האָט ביטאָכן!... גאָט וועט ראַכמאָנעס האָבן און העלפן!... איר וועט זען... נאָר ביטאָכן, נאָר געדולד!...

ווי עס האָט זיך אָבער גיך אַרויסגעוויזן, איז שוין אַלץ געווען איבעריק. צומאָרגנס אינדערפרי האָט עמעצער געבראַכט די יעדיע, אַז צווישן די אומ־געקומענע קינדער דאָרט, אין אָטוואָצק, איז אויך געווען זייער אינגערער אינגל מיילעך. אַ ספּעציעלער שעליעך פון דאָרט האָט איבערגעגעבן, אַז מען האָט אים שוין אַפילע מעקאַבער געווען דאָרט, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע קדוישים — די אומגעבראַכט קינדער, צוזאַמען מיט די צוויי דערמאָרדעטע לערער זייערע. שפּעט אין אָוונט פון זעלבן טאָג האָט אַ צווייטער איד שוין געבראַכט צו פירן דעם קימאַט אַף טויט־דערשראָקענעם און נאָך מער קראַנקן דאַוטשען, וועלכער האָט איצט געהאַלטן אין איין הוסטן און כריפּען. דער איד האָט דערביי דערקלערט, אַז מען האָט געמוזט פאַרמאַכן דעם סאַנאַטאָריום, ווייל די געפאַר אין אָפענעם פּלאַץ איז זייער גרויס און ווייל עס איז דאָרט פּאַשעט ניט געבליבן קיינער וואָס זאָל אַכטונג געבן אַף די לעבן־געבליבענע קינדער....

פּערל און כאַים־כיל זענען געוואָרן ווי צעטומלטע און פאַרלוירענע. זיי האָבן פּאַשעט ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. עס האָט אויסגעזען, אַז זיי ווייסן אַפילע ניט, צי זאָלן זיי באַוויינען דעם אומגעקומענעם אינגל זייערן, אָדער זיך אָפּגעבן מיטן לעבן־געבליבענעם. זיי האָבן, זעט אויס, אַפילו

ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם. פאַר זיי איז די וועלט, דאָס לעבן זייערס, ווי צו אַן ענד געקומען און זיי האָבן זיך פאַשעט ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען:

— אַזאַ גרויסער אומגליק!... אַזאַ אומגעריכטע בראַך!...

* * * * *

זינט אַט יענעם פינצטערן טאָג, ווען דער נאַצישער

פליער האָט מיט זיינע פולעמיאַט־קוילן פון עראָפּלאַן אַראָפּ פאַרענדיקט דאָס, וואָס דער בלוטיקער שווינדזיכט האָט ניט באַוויזן אַזוי גיך צו טאָן, האָבן סיי פערל און סיי כאַים־כיל מער ניט געקאָנט קומען צו זיך. זיי זענען עפּעס אַזוי ווי אַנדערש געוואָרן, אַז אַפילו די שכיינים האָבן זיי ניט געקאָנט דער־קענען. דער גאַנצער צאַאַר, דער גאַנצער ווייטיק, איז געלעגן אַף זייערע בלאַסע פּענימער, אין יעדער באַוועגונג זייערער. זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט און מער ניט געטראַכט וועגן זיך, וועגן דער אייגענער זיכערקייט, און אַפילו מער ניט געוואָלט אַרונטערגיין אין דער לודאָווניע אַראָפּ, בעאייס אַן אַלאַרם איז געגעבן געוואָרן. עס האָבן ניט געהאָלפן אַפילו דעם ראָוו רעב מייערלס שטראָף־רייד, אַז אַ איד טאָר ניט אַזוי; אַז מען דאַרף לעבן מיט האָפנונג און ביטאָכן... פערל איז גאָר געוואָרן פאַרעלטערט, צעבראָכן און האָט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן גענומען, אַז דאָס לעבן איז איר מאַמעש ניט ניכע געווען. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט איצט מיט פרייד, ווי צו אַ טאַנץ, צום טויט געגאַנגען. זי האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן:

— פינצטער איז מיר מיין וועלט!... פאַרשניטן איז מיר מיין לעבן!...

כאַים־כיל, כאָטש ער אַליין איז אויך ניט ווייניקער דערשלאָגן געווען ווי זי, האָט ער זיך אָבער דאָך ווי ניט איז געפּרוּווט האַלטן אין דער מאַראָכע, ווי איינער זאָגט, — פאַרט אַ מאַנסביל... ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און געטאַיִנעט צו פערלען מיט זיין צוגעלאָזענער, זינגעוודיק־ווייכער שטימע:

— פערל, קרוין, — האָט ער איר אויסגערעדט, — רעב מייערל, דער ראָוו, זאָל געזונט זיין, איז טאַקע גערעכט. מען טאָר ניט אַזוי... אַ איד דאַרף זאָגן: „גאַם זו לעטויווע" ... אַ כוץ דעם מוסטו געדענקען, אַז דו דאַרפסט נאָך זיין אַ מאַמע פאַר דאָווטשען און מען דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט כאָטש אים געראַטעוועט, אַז געלויבט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען!... און וואָס שאַיך זיי, די מערדער, מעגסטו גאַנץ זיכער זיין, אַז גאָט וועט זיי באַצאָלן קייפל־קיפלאַים... עס שטייט געשריבן אין הייליקן פּיירעק:

„וועסאַף מעטאַיפּאַיך יעטופּין״ . . . יאָ, עס וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע וואָס וועלן זיי אָנלערנען, אַז געבענטשט זאָלן זיין די הענט זייערע! . . . די ראַצכים וועלן דערטרונקען ווערן, וועסט זען! . . .

אַליין געזאָגט דאָס און באַלד אַליין פאַרטרונקען געוואָרן אין טיפן צאַאר, פונקט ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס זענען בלויז גוטע טרייסט־ווערטער און מער גאָרניט. „אַט״, — האָט ער געטראַכט, — „ווען ער זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז מעגלעכקייט אַליין נעקאָמע צו נעמען אין זיי, וואָלט דאָן געווען עפּעס אַנדערש . . . אָבער דאָס״ — האָט ער געוואוסט — „איז ביכלאַל אומעגלעך. וואָרים ווי קומט ער צו זיי? ער — אַ איד, וואָס מוז טראָגן אַ געלע לאַטע און לעבן אָפּגעשלאָסן, — דאָ שטעל זיך ניט און דאָ מעק זיך ניט״ . . .

פּערל האָט אויף זיינע טרייסט־רייד גאָרניט געענטפערט. זי האָט בלויז געווישט די בילמעדיקע, טרערנדיקע אויגן, און עפּעס אַ מורמל געטאָן...

אָבער דער ווייטיק און פאַרדראָס האָט אַלץ געגראָבן טיפער און טיפער באַביידן. אַט איז ער אויסגעבראָכן אין שטילן געוויין, און אַט גאָר אין ברומענדיקע קלאָלעס. דער העכסטער אויסדרוק פון צעווייטיקטקייט איבער דעם אומגליק איז געקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

איינמאָל אינדערפרי, אַ וואָך־צוויי נאָכדעם ווי דאָווטשע איז געוואָרן אַהיימגעבראַכט פון דער סאַנאַטאָריע, און ווען פון זיין האַלדז האָט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס געטאָן אַ שטראָמעלע בלוט, האָט כאַים־כיל — אינגאַנצן אַ צעבראָכענער — זיך געשטעלט, ווי יעדן טאָג, דאַווענען. ער האָט זיך, ווי טאָמיד, איינגעהילט אין זיין פאַרגעלטן וואָלענעם טאַלעס, זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּאָנים צו דער וואַנט און, אַ שווייגנדיקער, זיך צעשאָקלט. פּערל — ווייל זי האָט געוואוסט, אַז כאַים־כיל דאַוונט אַלעמאָל נאָר פונעם סידער, מאָכמעס ער קען ניט פון אויסנווייניק — האָט זיך געכידעשט וואָס ער האָט עס איצט גאָר געלאָזט ליגן. זי האָט עס אים צוגעטראָגן, אָבער ער, כאַים־כיל, האָט עס אַ שאַר אָוועק געטאָן פון זיך:

— היינט דאַרף איך ניט קיין סידער, פּערל, — האָט ער גאַנץ ביטער צוגעוואָרפן, — סיי ווי סיי פאַרשטיי איך ניט קיין וואָרט און ווייס ניט וועגן וואָס איך בעט ביים ריבוינע שעל אוילאָם. איך ווייס בלויז, אַז איך דאַוון, ווי יעדער איד, און בעט גאָט אויף געזונט און פּאַרנאָסע . . . היינט, אָבער, דאָסמאָל, וויל איך ניט בעטן אַף קיין געזונט און פּאַרנאָסע. היינט וויל איך רעדן צו אים וועגן גאַנץ אַנדערע זאַכן. איך וויל אים זאָגן וואָס עס האָט זיך ביי מיר אָט־דאָ אָפּן האַרצן אָנגעקליבן . . . איך וועל דעריבער היינט רעדן צו אים אַף מיין אייגענעם לאָשן, אַף פּראָסט אידיש און . . . נישקאָשע,

ער וועט מיך פאַרשטיין. ער וועט מיך מוזן פאַרשטיין . . .

— פערל — אַ שטאַרק־איבערגעשראָקענע פון די רייד — האָט זיך גלייך פאַנאַנדערגעווײנט. באַלד האָט זיך געהערט כאַים־כילס געבעט:

— ריבוינע שעל אוילעם, בלויז איין פראַגע וויל איך דיך הײנט פרעגן, בלויז איין שאַילע. איך וויל וויסן פאַרוואָס קומט דאָס אונדז . . . נו, מײלע, איך — ווי איך . . . לאָמיר זאָגן, איך בין טאַקע זינדיק און עס קומט מיר די שווערסטע שטראָף, — גוט . . . אָבער פאַרוואָס קומט עס די קינדער מײַנע? . . . האָסט מיר קיין פּאַרנאָסע ניט געגעבן, אַז איך זאָל די קינדער קאָנען אויסהאָדעווען געזונטע און זיי מעגאַדל זײַן לעטוירע, לעכופּע או־לעמאַיסים־טויוויים, — איז פאַרפאַלן . . . אָבער פאַרוואָס, זאָג מיר, האָסטו נאָך געדאַרפט אונטערשיקן די מעכאַבאַלים, די פאַשיסטן, אַז זיי זאָלן אומ־ברענגען אַן אומשולדיק אידיש קינד און נאָך אידישע קינדער? . . . וואָס האָבן זיי דען געזינדיקט קעגן דיר? . . . איך פרעג דיך, ענטפער מיר! . . .

ער איז אַף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, אַקוראַט ווי ער וואָלט טאַקע געוואָרט אַף אַן ענטפער, און באַלד ווידער גענומען טאַינען:

— נו גוט, וועל איך זײַן אַן אָרנטלעכער איד און זאָגן, ווי דו האָסט באַפוילן, „גאַם זו לעטויווע“ . . . אָבער זיי דו כאַטש אַ מענטש און זאָג „כאַטאַסי“ . . . הייל מיר כאַטש אויס מײַן דאַוועשען! . . . שיק אים כאַטש גלייך אַ רעפוע שעליימע, אַז ער אַליין זאָל זיך שפּעטער קענען נויקעם זײַן אין די מערדער פון זײַן ברודער, אין אונדזערע פײַניקער! . . .

און באַלד — אַנדערש:

— און פאַר דײַן אייגענעם קאָוועד וועגן בעט איך דיך, גאָטעניו, פאָטער, גיס דו אַליין אויס דײַן צאָרן אַף די ראָצכים, אַף אונדזערע מערדער און פאַרלענדער! . . . דערטרינק זיי אין זייער אייגענעם בלוט, אָט פונקט ווי זיי האָבן דערטרונקען אידישע קינדער אין זייער בלוט, און דעמלט וועל איך וויסן, אַז . . .

פערל, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ און געהערט כאַים־כילס טפילע טאָן, האָט זיך קעסיידער צוגעשאָקלט ווי אין פאַרגײַטיקונג און צושטימונג. זי האָט מיטן פאַרטעך אירן געווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן ווי פון אַ קוואַל, אַקוראַט ווי אין שול יאָם־קיפור, בעאַיס די טיקערן פלעגט אַזוי האַרצרײַסנדיק פאַרטייטשן דעם כאַזנס טיף־רירנדיקן אויסגעשריי: „אונסאַנע טויקעף קדישאַס האַיאָם“ . . . זי האָט געוויינט, געכליפּעט, און באַלד האָט זי גאָר אַליין גענומען דאַוונען מיטן ניגן פון דער טכינע:

— אַז פאַרשאָלטן זאָלן זיי זײַן סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט, טאָטע אין הימל! . . . זיצנדיק און שטייענדיק, ליגנדיק און גייענדיק! . . . אַז נאָר אַפּ־

גערעדט זאָלן ווערן זייערע הענט, אונטערגעבראָכן זייערע פיס, פון קלענסטן ביזן גרעסטן; פונעם סאַמע אָנפירער, ביזן סאַמע לעצטן קוימענקערער! . . . אוי, גאָטניו־פאָטער, אַז אַ כאָלערע זאָל זיי אַלעמען אויסדישען, בימהיירא בעיאָמיינו, אָמיין! . . .

און האָט זיך ערשט אָף אַן עמעס פאַנאַנדערגעוויינט . . .

כאַים־כיל האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ווי אָפּהענטיק און דערשלאָגן. די טפילע, וואָס ער האָט געהאָפט, אַז זי זאָל לייכטער מאַכן זיין געמיט, האָט אים ניט געהאָלפן. און ווי צום שטאַרקן זיך, ווי כאָטש עפּעס צו טאָן, האָט ער מיטאַמאָל אַ נעם אַרונטער געטאָן פון זיך דעם טאַלעס, אים אַפילע ניט איינגעלייגט, ווי געוויינטלעך, נאָר אַזוי אים אַ לייג אַוועק געטאָן אָפן טיש און, מיט אויפגעהויבענע פויסטן, שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— הערסטו, פּערל, ביז ער וועט אונדזער טפילע ניט אָננעמען; ביז ער וועט זיך ניט נויקעם זיין פאַר אונדזער קינדס בלוט, וועל איך דעם טאַלעס אַפילע אין האַנט אַריין ניט נעמען, הערסט?! . . .

פּערל האָט זיך דערשראָקן. אַזעלכע רייד האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געהערט פון איר כאַים־כילן. די אַלע יאָרן פון זינט דער כאַסענע אָן, האָט זי אים געקענט פאַר אַ גאָטספאַרכטיקן, אָרנטלעכן אידן. זי איז, דעריבער, אַ פאַרציטערטע און מיט געוויין צוגעפאַלן צו אים:

— אוי, אַ וויטיק איז מיר, כאַים־כיל! וואָסערע רייד רעדסטו עס היינט? . . . גאָט איז מיט דיר! . . . דו ביסט דאָך אַ איד און . . . אַט האָסטו דאָך מיר אַנומלטן אַליין געהאַט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך שטאַרקן, האָבן ביטאָכן און ניט זינדיקן . . .

און ווידער, אָבער נאָך שטאַרקער, גענומען כליפּען . . .

זי האָט אָנגעגאָסן כאַים־כילן אַ גלאָז הייסע וואַסער, וואָס איז — אַנשטאָט מיט טיי — געווען פאַרפאַרעט מיט אַ מייערל. זי האָט אַוועקגעלייגט אַ קזאַיעסל שוואַרץ־זאַמדיק ברויט דערלעבן און שוין צערטלעך אַ זאָג געטאָן צו אים:

— נעם עפּעס אין מויל אַריין, כאַים־כיל. האָסט דאָך פון נעכטן אָן . . .

ער האָט זיך געוואַשן די הענט, אָפּגעברומט די בראָכע, זיך צוגעזעצט צום טישל, אַ ביס געטאָן פונעם ברויט, אַ זופּ געטאָן דאָס וואַסער און איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט. ער האָט זיך גענומען אונטערשאָקלען, אונטערברומען און באַלד, ווי צו זמירעס, האָט זיך גענומען הערן זיין ווייך געזאַנג:

— באַם־באַם־ביי . . . וועאָכאַלטאָ, וועסאָוואַטאָ, אָוואָראַכטאָ, באַם־באַם־ביי . . .

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערמאָנט האָט ער זיך, ווי ערשט ניט לאַנג

צוריק פלעגט ער זיצן ביים טיש צוזאַמען מיטביידע קינדער און זיי, מיט זייערע הויך־קלינגענדיקע שטימעלעך, פלעגן אונטערהאַלטן דעם זמירעס, אַז עס איז געווען אַ נאַכעס צו הערן און שכיינים האָבן מאַמעש מעקאַנע געווען. איצט, אָבער — ליגט איינער דאָ, אין קיך־בעטל, און שפּייט אויס די לונגען מיטן אייגענעם בלוט, און דער צווייטער . . .

ער האָט מיטאַמאָל אַ טיפן זיפץ געטאָן, אָפּגעווישט דאָס בערדל און זיך אויפגעהויבן פונעם טיש. ער האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע פון קעשענע, אַ גראַבל געטאָן אין דעם מיט די פינגער, אַרויסגענומען עפּעס אַ מאַטבייע, זי אַנידערגעלייגט אָפן טישל און צוגעוואָרפן:

— מ׳נאַ . , . כ׳וועל אַרונטערגיין אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך . . . עפשער קאָן מען שוין אַרויסגיין זוכן צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, און דער־ווייל . . . כ׳וויס, עפּשער דאַרפסטו עפּעס קויפן אַף וועטשערע . . .

ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ וויש געטאָן מיט צווי פינגער אָפן פלאַץ וואו די מעזוזע האָט זיך געפונען, פרום אַ קוש געטאָן די פינגער און צוגעגעבן:

— כ׳וועל זיך לאַנג ניט זאַמען. און אויב עס וועט זיך מיר עפּעס טרעפן צו קויפן, וועל עך אַהיימברענגען . . .

געוואוסט האָט ער באַ זיך גאַנץ גוט, אַז דאָס גייט ער איצט ניט זוכן קיין פּאַרנאָסע, נאָר פּאַשעט, עס האָט אים ווי געצויגן אַרונטערצוגיין, זיין צווישן מענטשן, הערן עפּעס אַ טרייסט־וואָרט און ביכלאַל זיך דערוויסן ווי עס האַלט מיט דער מילכאָמע . . .

אָבער ווייטער ווי ביז צום טויער פונעם הויף איז כאַים־כיל ניט אַוועק. רעב מייערל, דער ראָוו, וועלכער איז — ווי טאָמיד — געזעסן באַ זיין פענצטער וואָס לעבן טויער, האָט אים אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן:

— וואוהין גייט איר דאָס, רעב כאַים־כיל? — האָט ער זיך מאַמעש צעבייזערט אַף אים, הערנדיק, אַז ער קלייבט זיך אַרויסצוגיין אין גאַס, — וואָס טוט זיך מיט אייך? ווייסט איר דען ניט וואָס עס טוט זיך אינדרויסן?... וואָס איז, איר דאַרפט נאָך אַליין קריכן אונטער זייערע לאַפּעס, יעמאַך שמאָם?! . . . עס גייט אייך דאָווקע אין לעבן, אַז זיי זאָלן אייך כאַפּן און אייך אַוועקשיקן ערגעץ אַף קאַטאָרזשנע אַרבעט, כאָלילע? . . . מ׳נע, איר זאָלט זיך מיר ניט דערוועגן אַרויסצוגיין פון הויף, איר הערט?! . . .

כאַים־כיל האָט געהערט. ער האָט זיך אומגעקוקט און איז — אָן אָנט־מוטיקטער, אַ שווייגנדיקער און צעוויטיקטער — צוריק אַרויף צו זיך אין שטוב אַריין . . .

* * * * *

די גאַנצע מילכאָמע, דער האַסטיקער אויפמאַרש פון די נאַצישע כאַיאָלעס, דער געפּלאַץ פון די באָמבעס אין די אַרומיקע הייזער, דער שטורעם פון די איינפאַלנדיקע ווענט, — דאָס אַלץ איז שוין געווען אַריבער און עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט שוין באַלד געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן. אין שטאָט גופע האָט די נאַצישע מאַכט שוין אָנגעהויבן איינשטעלן די געטאָ. טעג און וואָכן האָט מען אַרויסגעטריבן אידן — צווישן זיי אויך כאַים־כילן — צו פאַרבויען מיט ווענט די אידישע גאַסן, פון וועלכע עס איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצוגיין. אידן זענען געוואָרן שוואַרצער און איינגעדאַרטער פון טאָג צו טאָג. און יעדער טאָג האָט געבראַכט אַלץ נייע גזירעס. אָט איז געקומען אַ באַפעל פונעם קאָמענדאַנט, פאָן־ווידע, צוצושטעלן טויזנטער אידן צו אַרבעטן ביים אָפּרייניקן די גאַסן פון די צע־פאַלענע הייזער; אָט — אַ באַפעל, אַז אַלע אידישע מענער מוזן זיך רעגיסטרירן און זיך מעלדן יעדן צווייטן טאָג אין אַ געוויסן פונקט, טאָמער וועט מען זיי דאַרפן האָבן אַף אַרבעט; אָט — אַ פאַראָרדנונג, אַז מען זאָל פאַרשרייבן יעדע יונגע פרוי און מיידל פון דער געטאָ, — איר גרויס, הויך, אויסזען, און קיינער זאָל ניט וואַגן זיך אויסצובאַהאַלטן . . . נייע מענטשן זענען אָנגעקומען אין רייפּס הויף, — אידן פון אַנדערע שטעט און פון אַנדערע גאַסן, און מען האָט זיי ווי ניט איינגעאָרדנט צווישן די שכיינים, אין זייערע אַזוי שוין אויך איבערגעפּאַקטע צימערלעך. דער הונגער און די נויט איז געוואָרן ניט צום איבערטראָגן . . .

אַזוי זיינען פאַרביי וואָכן, כאַדאָשים, און עפּשער גאַנצע יאָרן. כאַים־כיל, ניט ער האָט געציילט די טעג, ניט ער האָט גערעכנט די צייט. און ווען ער וואָלט אַפילע יאָ געוואָלט רעכענען, וואָלט ער עס דען געקענט? . . . וואָרים קאָן מען דען רעכענען טעג וואָס זיינען פינצטער ווי די נעכט?... קאָן מען דען אָפּטיילן די וואָכן, ווען דער שאַבעס איז אַזוי אָרעם פונקט ווי יעדער מיטנוואָך־טאָג, אָן טרייסט, אָן לעבן? . . . אין שטוב איז שוין מאַמעש קיין פיצל ברויט ניט געווען און קיין מאַטבייע אַפילע פאַר וואָס צו קויפן אינעם געוועלבל אונטן . . . אַ שטיקל גליק, וואָס די אידישע גמינע האָט איינ־געשטעלט אַ גאָרקיך אין סאַמע הויף דאָרט, פון וואַנען מען האָט אויסגעטיילט צו ביסלעך זופּ און צו שטיקלעך ברויט צו די נויטבאַדערפטיקע . . . דער ראָוו, רעב מייערל, האָט שוין געזען, אַז עמעצער זאָל די געהעריקע כאַלאָקים אַרויפטראָגן צו כאַים־כילן אין שטוב אַריין, מאַכמעס ניט ער און ניט פערל, האָבן געוואָלט קומען דערנאָך. ער אַליין, כאַים־כיל, הייסט עס, איז קימאַט

גאַנצע טעג געזעסן אַ שוויגנדיקער, האָט אַלץ גערייניקט זיינע קיילים, געשלייפט די גליטיקעס מיט די שטאַמאייזנס, און געפּעטשט און געשליפן די זעגן. ער האָט געטאַפּט די שאַרפן זייערע מיט אַן איינגעגנעצטן פינגער, אָט פונקט אַזוי ווי אַ שויכעט זיינע כאַלאַפים. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך צוגעגרייט היינט־מאָרגן ווידער זיך אַרויסצולאָזן איבער די הויפן און — ווי אין די אַמאָליקע פרידלעכע צייטן, — אויסזינגען זיין געוויינטלעכן פיזמען:

— „צי פאַראַכטן, צי פאַרלאַמען, שטילן, בעטן, טישן . . .“

דערוויל, אָבער, איז ער — ווי אַלע שכיינים פונעם הויף — געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס עס הערט זיך וועגן גאַנג פון דער מילכאָמע ביכלאַל און וועגן דעם אויסזיכט פאַר אידן ביפּראַט. קיין צייטונגען — ספּעציעל אידישע — זענען אין געטאָ ניט געווען. דער איינציקער ראַדיאָ־אויפנעמער צווישן די אידן, וואָס דער ראַוו, רעב מייערל, האָט געהאַט פאַרמאָגט פריער, האָבן די דייטשן קאָנ־פיסקירט. פרעגן ביי הער רייף, דעם הויז־ווירט, וועלכער האָט אַוואַדע יאָ געהאַט אַ ראַדיאָ, האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געוואָגט. האָבן זיך דעריבער געטראָגן פאַרשידענע מאָרע־שכוירעדיקע קלאַנגען צווישן די איינ־וואוינער און איינער דעם צווייטן האָט דערציילט שרעקלעכע מאַיסעס, וואָס ער האָט צופעליק געהערט ביי עמעצן פון אַ צווייטן, דערבייאיקן הויף. וואָס עס הערט זיך אין שטאָט גופע, האָט מען אויך אַף זיכער ניט געוואוסט. אָט האָט איינער דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט, פאָן־ווידע, האָט דערשאָסן אַ מאַסע אידן פון דער אַנדערער זייט געטאָ. אָט האָט מען איבערגעגעבן, אַז עטלעכע און ניינציק אידישע מיידלעך, וועלכע דער קאָמענדאַנט האָט געהאַט באַשטימט אַף אַרויסגעשיקט צו ווערן ערגעץ קיין דייטשלאַנד, צו אַ לעבן פון שאַנד, — זענען די פאַרגאַנגענע נאַכט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַבי ניט דאַרפן מעטאַמע זיין זייערע יונג־פרויאישע קערפּערס מיט די מענוואוואָלים... אַף זיכער האָט מען בלויז געוואוסט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו דער אידישער גמינע, אַז זי זאָל אים יעדן טאָג צושטעלן הונדערטער יונגע אידן, וואָס זאָלן אַוועקגעשיקט ווערן אַף אַרבעט . . . מיט־אַמאָל האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז דער קאָמענדאַנט האָט גאָר געגומען אַרויסשיקן זיינע אַגענטן איבער די הויפן פון דער געטאָ, צו דערשנאַפּן שיינע יונגע אידישע מיידלעך, וועלכע זאָלן געכאַפּט ווערן און אַרויסגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד, פאַר די סאָלדאַטן . . .

רעב מייערל, ווען ער האָט געהערט וועגן דעם, האָט בעשטיקע גערופן יעדן פאָטער אין הויף, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער, און

געאייצעט, ער זאָל זען עפּעס טאָן אָפּצוהיטן זיין מיידל פון דעם אומגליק. איינעם האָט ער געראָטן ער זאָל אָפּשערן דער טאָכטערס האָר פונעם קאָפּ. אַ צווייטן — אַז זי זאָל פאַרקרימען דאָס מויל. אַ דריטן — זי זאָל נעמען רעדן פּאַנפּעוואַטע. אַן אַנדערן — זי זאָל אַרומגיין צעשויבערט, אומריין, אָדער סטאַם זיך מאַכן נאַרישעוואַטע . . . שפּעטער, ווען די נאַצישע אַגענטן זענען טאַקע געקומען אין רייפס הויף, מיקלוימערשט אַף דורכצופירן אַ צענזוס פון די איינוואוינער, און ווען זיי האָבן דערזען פאַר זיך בלויז מיעסע, אָפּשטויסנדיקע און קאַליקעוואַטע מיידלעך, — האָבן זיי זיך טאַקע געוואָרפן, זיך געבייזערט און אַפילו געדראָעט די דאַרטיקע אידן. דערפאַר, אָבער, זענען די מיידלעך אַפּאַנים געראַטעוועט געוואָרן פון שאַנד . . .

ביסלעכווייז האָט זיך די איינוואוינערשאַפט צוגעוואוינט צו די קימאַט־טעגלעכע באַזוכן פון די נאַצישע אַגענטן און מען האָט שוין געוואוסט, אַז יעדן טאָג מעג מען זיך ריכטן אַף זיי. עס האָט זיך דעריבער, ווי פון זיך אַליין, אויסגעאַרבעט אַ מין גלייכגילט, כאָטש ניט אָן שרעק, צו אַט די דאָזיקע אָפטע באַזוכן. מען האָט שוין געוואוסט, אַז וואָס־וואָס, קיין צאָרעס וועלן ניט פעלן פון זיי . . .

קיינער האָט זיך אָבער ניט געריכט, אַז דער קומענדיקער באַזוך פון די נאַצים וועט זיין וועגן כאַים־כילן, דעם סטאָליער. עס איז אָבער אויך דערצו די צייט געקומען . . .

געווען איז עס אין אַן אָוונט. אין שטוב ביי כאַים־כילן איז — ווי טאָמיד — געווען כוישעך. דאָס קליינע פינפער קעראָסין־לעמפּל, מיטן שוואַרצן פאַרקאָפּטשעטן גלעזל, וואָס איז געווען צעפּלאַצט און פאַרקלעפּט מיט אַ שטיקל שוין־איבערגעברענטער, פאַרברוינטער לאַטע פון צייטונג־פּאַפּיר, און איז געהאַנגען אָפן ביישטידל פון דער טיר, צווישן די צוויי שמאָלע צימערלעך, — האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך מיט עפּעס אַזעלכע שווער־קריכנדיקע שאָטנס, וואָס האָבן זיך פאַרוואַשן מיט די אָפּגעקראָכענע, אויסגעדעסנטע בלומען אַף די געקאַלעכטע ווענט. דאָווטשע, דער עלטערער פון די צוויי אינגלעך, וועלכער האָט זיך — ווי דורך אַ נעס — געהאַט געראַטעוועט מיטן לעבן בעאייס דער דייטשישער פליער האָט מיט אַ פּולעמיאָט געשאָסן אַף די קינדער פונעם סאַנאַטאָריום, איז געלעגן — מער טויט ווי געשלאָפן — אָפן צע־פאָרענעם אייזערנעם בעטל, ביים פענצטער אין דער קיך. פּערל, כאַים־כילס ווייב מיט די צוויי פאַרטרערטע בילמעדיקע אויגן, איז געזעסן — ווי בעאייס שיווע נאָך איר אינגערן אינגל — אַף אַ קליין בענקעלע, לעבן דעם אויוון, און זיך געפּאָרעט מיט עפּעס אַ טעפּל. דאָס שטילע, געדיכטע, אָבער שווערע אָטעמען פונעם אינגל — געמישט מיט אַ שווערן געכאָרכל — האָט ווי

געלאָזט וויסן, אַז ער לעבט נאָך . . .

עס איז גראָד געווען אַ שטיקנדיקער אָוונט. די פאַרבליבענע היץ פון בייטאָג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אינעם פאַרמאַכטן, קאַסטן־אַרטיקן הויף, האָט אומראַכמאָנעסדיק אַריינגעזעצט דורך דעם צעעפנטן לופטשיק פון דעם פענצטער און מאַמעש די אָטעמס געזאָטן — ניט צום אָפּדעכען . . .

מיטאַמאָל האָט זיך פון אונטן, פונעם הויף אַרויף, דערהערט עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכער טומל. כאַים־כיל האָט אַוועקגעלייגט די קיילים פון האַנט און זיך אַרונטערגעלאָזט אויסצוגעפינען וואָס דאָרט איז.

געזען האָט ער:

צווישן דעם געזעמל שכיינים, ניט ווייט פון ראָווס פענצטער, זענען געשטאַנען צוויי דייטשישע שטורעם־טרופּערס און האָבן געשריגן:

— אָבער ער וואָנט דאָך היר, דער טישלער כילקע־כאַיקע, ניכט וואַר? וואָ איזט ער יעצט, זאַגט עס אונז, איר שמוציקע יודן־שוויינען! . . .

די שכיינים און דער ראָוו, האָט כאַים־כיל געזען פונוויטן, האָבן געהויבן מיט די אַקסלען, ווי צום באַווייזן, אַז זיי פאַרשטייען פּאַשעט ניט וואָס און וועמען זיי ווילן. אַנדערע, פון דער זייט, האָבן גאָר געבראַכן מיט די הענט, געשאָקלט באַדויערנדיק מיט די קעפּ און — דערזעענדיק כאַים־כילן מיט־אַמאָל אָנקומען — גענומען מאַכן שטילע צייכנס און צוגעוואונקען צו אים, אַז ער זאָל אַוועק, זיך ערגעץ באַהאַלטן, וואָרים — האָט עמעצער אים איינ־גערוימט אָפּן אויער — דאָס זענען זיי דאָך געקומען טאַקע נאָך אים . . .

כאַים־כיל האָט אָפּן מאָמענט אַ ציטער געטאָן און שוין אָפּילע געהאַלטן באַם פאַרנעמען זיך אָף צוריק, אַוועק פון די פאַרזאַמלטע שכיינים. ער האָט זיך אָבער גלייך מעיאַשעוו געווען און צו זיך אַ זאָג געטאָן:

„אויב זיי מיינען טאַקע מיך, וועט דאָך אַוואַדע ניט העלפן קיין שום באַהאַלטן זיך. אויב ניט היינט, איצט, וועלן זיי מיך דאָך מאָרגן געפינען. זיי וועלן מיך פון אונטער דער ערד אַרויס אויסגראָבן . . .״

ער האָט זיך דעריבער אָנגעשטאַלט, איז צוגעטראָטן צום ראָוו און פּאַטעטיש אַ מורמל געטאָן:

— רעבע, אויב זיי מיינען מיך, וועט דאָך דאָ גאָרניט העלפן, וועל איך דאָך אַוואַדע מוזן גיין, כאָטש איך וויים ניט וואָס זיי ווילן פון מיר און מיט וואָס איך האָב זיך קעגן זיי פאַרזינדיקט . . .

ער איז צוגעגאַנגען צו די צוויי שטורעם־טרופּערס און — אָנווייזנדיק אָף זיך — מיטן בעסטן דייטש וואָס ער האָט נאָר געקענט, אויסגעצויגן:

— אויב זיי מיינען מיך, מיינע הערשאַפטן, מיך, דעם סטאָליער־טישלער, כאַים־כיל, בין איך דאָס פּערזענלעך, איך האָבע די ערע און . . .

די צוויי דייטשן האָבן זיך צעשמייכלט. איינער פון זיי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַנווייזנדיק אַף דער מויער, און באַפוילן:

— נון, יודע, נעם מאָל דיין ראָק און קאָמע מיט אונז! . . .

כאַים־כיל, אונטער די באַדויערנדיקע און פאַרצווייפלטע בליקן פון די אַרומיקע שכיינים, האָט זיך געלאָזט גיין צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן אַרויף, צו זיך אין שטוב אַריין . . .

פערל, פאַרשטייט זיך, האָט מער ניט געדאַרפט, ווען זי האָט דערזען איר כאַים־כילן געפירט פון די צוויי שטורעם־טרופּערס. און אַז זי האָט נאָך דערזען ווי ער, כאַים־כיל, נעמט אָנטאָן אַף זיך דאָס כאַלאַטל, און די סאָלדאַטן שטעלן זיך באַ זיינע זייטן, האָט זי ערשט אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געיאָמער און גענומען שרייען:

— אוי, אַ וויטיק איז מיר אַ גרויסער! . . . וואָס איז געשען, ראָצכים?! זאָגט מיר, וואָס ווילט איר פון אים, גאַזלאָנים?! . . . נאָך ווינציק וואָס איר האָט אומגעבראַכט אונדזערע קינדער, ווילט איר נאָך . . .

זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט, אַנווייזנדיק אַפן ליגנדיקן אינגל און אַליין זיך אַ שטעל געטאָן פאַר דער טיר, ווי ניט אַרויסצולאָזן כאַים־כילן פון הויז אַרויס:

— וועסט ניט גיין! — האָט זי געשריגן, — אויב זיי ווילן דיר עפּעס שלעכטס טאָן, זאָלן זיי עס טאָן אָט דאָ, אין הויז! זאָלן אַלע מענטשן דאָס זען! זאָלן זיי מיך אויך מיטנעמען! זאָלן זיי מיטנעמען דאַוושען! זאָלן זיי אונדז אַלעמען נעמען, די ראָצכים! . . .

די סאָלדאַטן — זיכער אין זייער מאַכט און גוואורע — האָבן כוצפּעדיק געשמייכלט. איינער פון זיי האָט אַ שאַר אַוועק געטאָן מיט דער האַנט פערלען, ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ שטרויענע, און זי איז אַזש צו דער ערד געפאַלן. כאַים־כיל האָט זיך געוואָלט צובייגן, זי אויפהויבן און באַרואיקן, אָבער די סאָלדאַטן האָבן אים ניט געלאָזן. זיי האָבן געלאַכט:

— אָ, עס וועט איר גאָרניט זיין. לאָז זי געמאַך! . . . נון, קאָם מאָל, יודע, עס ווערט צוואַר שפּעט און דער הער קאָמענדאַנט וואַרט אַף דיר! . . .

כאַים־כיל איז געגאַנגען ווי אַ געשאָכטענער . . .

ווי נאָך אַ לעוואַיע האָבן די שכיינים פונעם הויף מיט זייערע שטילע בליקן אַרויסבאַגלייט כאַים־כילן צום טויער צו. צעטומלטע, ניט באַגרייפנדיק אַפילע וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיי נאָכגעקוקט און געזען ווי די צוויי סאָלדאַטן האָבן כאַים־כילן אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אינדרויסן, און זענען האַסטיק אָפּגעפאָרן . . .

* * * * *

שטיל האָט זיך דער אויטאָמאָביל געטראָגן איבער די שמאָלע געסלעך פון דער געטאָ און, אין עטלעכע מינוט אַרום, איז ער שוין געווען ווייט אינדרויסן, אַף די ברייטע, העל־באַלויכטענע, אויסערלעכע גאַסן. נאָך גיכער אַפילע ווי כאַים־כיל האָט געקענט איבערטראַכטן וואָס עס געשעט מיט אים און צוליב וואָס מען נעמט אים צום קאָמענדאַנט, — האָט דער אויטאָמאָביל זיך אָפגעשטעלט לעבן קאָמענדאַנטס וואוינונג, וואָס האָט זיך — ווי כאַים־כיל האָט דערקענט — געפונען אין אַ פאַרנומענעם פּאַלאַצל פון אַ געוועזענעם אידישן באַנקיר. מען האָט אים אַריינגעפירט אינעווייניק און אים גלייך צוגעבראַכט צו אַ יוסטן, הויך־ברוסטיקן אָפיציר.

— ביסטו דאָס דער באַרימטער טישלער כילקע־כאַיקע? — האָט יענער אים דורכגענומען דורך זיין מאָנאָקל און, פונקט ווי איינער וואָס דערזעט פאַר זיך עפּעס אַן אויסטערליש־אומגלויבלעכע באַשעפעניש, זיך גרילצנדיק פאַנאַנדערגעלאַכט. — טאָקע דער זעלבער טישלער, וועלכן מען האָט מיר אַזוי שטאַרק פאַרלויבט, כע־הע־כע?! . . .

כאַים־כיל האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון שרעק און צעטומלטקייט.

דער אָפיציר האָט אים אַריינגעפירט אין אַ דערבייאיקן גרויסן זאַל אַריין און אים אַ ווייז געטאָן אַף אַ גרויסן קאָנצערט־פּאַרטעפּיאַן, וועלכער איז געלעגן מיט אַן איבערגעהאַקטן, צעבראָכענעם פוס, נאָר ווי עפּעס אַ דער־שאָסענער העלפאַנט, געבויגן מיט איין זייט צו דער ערד:

— מען האָט מיר רעקאָמענדירט דיך ווי אַ גוטן טישלער, — האָט דער אָפיציר מיט כויזעק פאַרגעזעצט, — רעכנסטו, אַז דו וועסט קענען פאַריכטן אָט דעם אינסטרומענט? איך מיין . . . פאַריכטן אים אַזוי, אַז . . .

כאַים־כיל האָט זיך דערפילט עטוואָס פרייער, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ געטראָגט, לויטן אָפיצירס געלעכטער, אַז דאָ קומט פאַר עפּעס אַ בלוטיקער שפּאַס מיט אים. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, איז צו־געטראָטן צום ליגנדיקן אינסטרומענט, אים באַטאַפּט, ווי אַ דאָקטאָר — אַ געפאַלענעם כוילע, און אַ מורמל געטאָן:

— מען ברויך מאַכן אַ נייע שרויף, הער קאָמענדאַנט. די גאַנצע שרויף פון דעם פוס דאָ איז איבערגעבראָכן און . . .

— דאָס ווייס איך אָן דיר, כע־הע־כע, — האָט דער קאָמענדאַנט ווידער געלאַכט. — דו זאָג מיר בעסער, צי קענסטו אים פאַריכטן אַזוי, אַז מען זאָל עס אַבסאָלוט ניט קאָנען דערקענען? . . .

כאַים־כיל האָט פלעגמאַטיש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך וועל זיך פלייסן צו מאַכן דאָס בעסטע וואָס איך קען, הער קאָמענדאַנט, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איך מוז אָבער האָבן דערצו דאָס זעלבע סאָרט האַרטע האָלץ און . . .

— וועסט באַקומען אַלעס וואָס דו ברויכסט נאַר, — האָט דער קאָמענ־דאַנט צוגעוואָרפן, — אָבער מאַך עס גוט, יודע, הערסט? — גוט! . . . און אַז איך וועל צופרידן זיין, וועל איך דיך גוט באַלוינען. פאַרשטאַנען? . . .

כאַים־כיל האָט אַרונטערגענומען פון זיך דאָס כאַלאַטל, גענומען פראָבירן אויפהויבן דעם פאַרטעפּיאַן, קעדיי אים אַוועקצושטעלן אין דער געהעריקער זייטיקער פּאָזיציע, אַז ער זאָל קאָנען אַרבעטן דערויף. עס איז אָבער, אַפּאַנים, ניט געווען פאַר זיינע קויכעס. דער קאָמענדאַנט האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, געזען ווי ער האָרעוועט און ענדלעך — נאָך עטלעכע מינוט — אויסגעשאָסן אין אַ נייעם געלעכטער:

— אַך, דו, דומקאָפּ איינער, דו! — האָט ער געכויזעקט, — ווילסט זיך ווייזן פאַר אַ העלד, וואָס? . . . ווי קומט עס גאָר צו אַזאַ נישטיקן יודע ווי דו ביסט, האַ? . . . אַט, וואַרט, איך וועל דיר געבן אַ דייטשישן יונגע, וועט ער דיר צייגן וואָס קראַפט הייסט, דו שוועלכלינג איינער, כע־הע־כע! . . .

ער האָט אַ רוף געטאָן. עס זענען גלייך אָנגעלאָפן עטלעכע סאָלדאַטן, וועמען ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן און באַלד, אין אַ רעגע בלויז, איז שוין דער פאַרטעפּיאַן געשטאַנען אָף אַ זייט, לויט ווי כאַים־כיל האָט עס געהאַט אָנגעוויזן.

כאַים־כיל האָט זיך צוגערוקט אַ בענקל, באַטאַפּט דאָס איבערגעבראָכענע פלאַץ, גענומען פּרוּוון אַרויסשרויפן דאָס איבערגעבראָכענע שטיק האָלץ, דעם שרויף־טייל, וואָס איז געבליבן שטעקן ווי פאַרפּראַפּט אינעם נעסט פון דעם אינסטרומענט, אָבער . . . ער האָט עס ניט געקאָנט אַרויסדרייען אָן קיילים. ער האָט זיך, ווי פאַרצווייפלט, גענומען קראַצן הינטערן בערדל, אַ טראַכט געטאָן, און פּאַטעטיש געזאָגט צום אָפיציר:

— איך קאָן דאָס ניט מאַכן שוין גלייך, הער קאָמענדאַנט. עס איז שוין צו שפּעט איצט און . . . צווייטנס, האָב איך דאָך ניט מיט זיך מיינע אינסטרומענטן . . .

— דומקעפּ! — האָט יענער אַ געשריי געטאָן. — וואָרום האָבן זיי דיר ניט באַפוילן מיטצונעמען זיי?! . . .

און אין אַ ווייל שפּעטער צוגעגעבן:

— נון, גוט. גיי אַהיים אָף איבער נאַכט. אָבער מאָרגן פרי וועסטו עס מוזן מאַכן. דו הערסט, יודע, — כילקע־כאַיקע, ניכט וואָר? . . .

כאַים־כיל האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס כאַלאַטל און, מאַשמאָעס פאַר־געסנדיק, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי די געטאָ און אַז עס איז אים פאַרבאָטן זיך צו באַווייזן אויסער איר, — געוואָלט זיך לאָזן אַהיימגיין. דער קאָמענדאַנט — ווי פון האַנאַע איבער דעם סטאָליערס פאַרלוירנקייט — האָט זיך ווידער ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט אים געהייסן וואַרטן אַ ווייל, עפּעס אַ זאַג געטאָן זיינס אַ באַדינער און באַלד האָט יענער אַריינגעבראַכט אַ פּאַפּירענעם בייטל, אַנגעפּאַקט מיט אַ ברויטל, פּרוכטן און גרינצייג, — אַזעלכע שפּייזן, וואָס כאַים־כיל האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען אַפילע, און עס אים דערלאַנגט. דער קאָמענדאַנט האָט דערצו אים נאָך דערלאַנגט אַ פּאַפּירל פון עטלעכע מאַרק און שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— נון, יודע, אַט זעסטו, אַז איך בין ניט אַזאַ שרעקלעכער ווי די יודן זאָגן וועגן מיר. אַט האָסטו דערוויל האַנט־געלט אָפּן רעכנונג פון דער אַרבעט און אויך אַביסל שפּייז, אַז זאָלסט האָבן קראַפט צו קאָנען מאַכן די אַרבעט. אויסער דעם וועט מיינס אַ שאָפער דיך איצט אַהיימפירן און קומען נאָך דיר מאָרגן פרי. געדענק, אָבער, אַז וועסט זיך מוזן פלייסן צו מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט, אַנדערש . . .

כאַים־כיל האָט ניט געוואוסט, צי ער זאָל באַדאַנקען, אָדער שווייגן. אין געדאַנק ביי זיך האָט ער גאָר בעאייס מאַיסע געטראַכט: „אַז געהאַרגעט מעגסטו ווערן מיט דיין גאַנצער גוטסקייט!" ער האָט זיך אָבער באַלד דער־שראָקן, פונקט ווי ער וואָלט מוירע באַקומען, אַז יענער זאָל ניט דערקענען וועגן וואָס ער טראַכט, און ער האָט דעריבער אָף דער גיך אונטער דער נאָז אַ מורמל געטאָן עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דאַנק. ער האָט זיך ביכלאַל ניט געקאָנט דערקלערן די סיבע וואָס מען האָט אים, אַ פּאַשעטן אידישן סטאָליער, גאָר גענומען אָף צום פּאַריכטן אַזאַ זאַך. „וואָס איז" — האָט ער רעזאָנירט מיט זיך, — „האָבן זיי שוין ניט געקאָנט קריגן עפּעס בעסערס פון מיר, אָדער גאָר געפינען אַ נייעם פּאַרטעפּיאַן?" . . .

און וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער האָט עס אים געשראָקן. עפּעס איז אים אַזוי דערווידער געוועזן דאָס מאָדנע געלעכטער דעם קאָמענדאַנטס, אַז דאָס בלוט האָט אַזש ביי אים גענומען גליווערן. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער נאָך אַזאַ געלעכטער ניט געהערט. ער האָט פּראָבירט זיך דערמאָנען צו וואָס דאָס געלעכטער איז ענלעך, אָבער ניט געקאָנט . . .

„עס זאָל זיך נאָר ענדיקן צום גוטן" — האָט ער זיך געזאָגט. — „יעקע דאַטש זאָל נאָר ניט האָבן פּאַרטראַכט עפּעס אַ מעשוגענע קונץ צו שפּילן מיט מיר . . . איך זאָל עס נאָר ניט אויסקרענקען . . ."

אַזוי פּאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען איז ער אַהיימגעקומען. עס איז

שוין גאַנץ שפּעט געווען און קיינער פון די שכיינים איז שוין אָפן הויף ניט געווען. בלויז דער ראַוו, רעב מייערל, איז נאָך געזעסן בײַ זיין פענצטער און, ווי טאָמיד, אַרײַנגעקוקט אין עפּעס אַ סייפער. אַז ער האָט דערזען כאַים־כילן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט, צוגערופן און אים גענומען אויספרעגן וואָס און וואו. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן וואָס מען האָט אים גערופן און דערזען דעם בייטל שפּייז, האָט ער פרום אַ זאָג געטאָן:

— נו, זעט איר שוין, רעב איד, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל, וואָס טוט כעסעד מיט אונדז? . . . זעט איר שוין, אַז אַ איד דאַרף נאָר האָבן ביטאָכן און . . . נו־נו, איר וועט דעם שאַבעס, אים־אירצע־האַשעם, דאַרפן גוימל בענטשן און . . .

פּערל, אַז זי האָט דערזען כאַים־כילן אַ געזונטן, אַ גאַנצן, און מיט דעם בייטל שפּייז אין האַנט, איז אָף אַ מינוט גאָר געבליבן אָן לאָשן. זי האָט אים אַרומגעקוקט, באַטראַכט אַרום און אַרום, ווי צום איבערצייגן זיך, אַז עס פעלט אים ניט, כאָלילע, קיין אייווער, און איז ערשט דאַן אויסגעבראָכן אין אַ פריידיקן געוויין:

— געלויבט איז האַשעם־איסבאָרעך! . . . ער האָט דערהערט אונדזערע טפילעס, אונדזערע טרערן . . . עס איז טאַקע ווי מען זאָגט, אַז גאָט וויל איינעם טאָן אַ כעסעד, טוט ער עס אָף די סאַמע אויסטערלישע וועגן . . . נו, גיי רעכט זיך, אַז די הילף וועט קומען פון די זעלבע מערדער . . .

אָף צומאָרגנס אינדערפרי איז צו דער באַשטימטער צייט צוגעפאָרן צום טויער דעם קאָמענדאַנטס אויטאָמאָביל און כאַים־כיל — שוין מיטן קאַסטן קיילים — האָט זיך אַרײַנגעזעצט און איז, ווי אַ פאַרעץ, אָפּגעפאָרן . . .

די שכיינים פונעם הויז, וועלכע האָבן זיך שוין געהאָט דערוואוסט וועגן דעם גאַנצן איניען, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און, צושאָקלענדיק מיט די קעפּ, ניט אויפגעהערט רעדן צווישן זיך:

— אוי־וואַ־וואַ, הערט נאָר אַ געשיכטע, יעקע דאַטש . . .

— עס זאָל אים נאָר, כאָלילע, ניט פאַרשטערט ווערן, כאַים־כילן, גאָטעניו פאָטער! . . .

די פרייד און די שרעק האָט זיך צוזאַמענגעמישט ביי אַלעמען . . .

* * * * *

כאַים־כיל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער גאַנצער ליבשאַפט פון אַ באַלמעלאָכע. ער האָט צוביסלעך אויסגעבויערט און אַרויסגעדליבעט דאָס פאַרבליבענע שטיק האָלץ אין דעם נעסט פון דעם

ראַיאַל. דערנאָך האָט ער צוגעפּעסטיקט אַ צאַפּן אין פאַרבליבענעם שטיק פוס, דאָס אַרומגעשניצט און פאַרונדיקט, אויסגעקאַרבט מיט דער פייל דעם גווינט־שניט, אַז עס זאָל זיך גענוי אַריינפּאַסן אין די שרויף־קאַרבן פון דער נעסט, פונקט ווי דאָס איז געווען געמאַכט ביי די אַנדערע פיס . . . איבער דער צייט, בעאַייסן איבעררייס אַף איבערצוביסן, האָט ער אין דער קיך, ביי איינעם פון די פוילישע באַדינער, זיך דערוואוסט וואָס עס איז געשען מיטן פאַרטעפּיאַן און פאַרוואָס מען האָט גראָד אים גערופן דעם אינסטרומענט צו פאַריכטן. דער באַדינער, אַן אַלטער פּאַליאַק, ווען דער קאָמענדאַנט האָט איבערגענומען פונעם אידישן באַנקיר צוזאַמען מיטן פּאַלאַצל, האָט כאַים־כילן בעסאָד דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג פריער איז געהאַט פאַרגעקומען אין הויז אַ הוליאַנקע און דאָן . . .

— „פאַרשטייט איר מיך, פּאַניע סטאָליאַרזשע״, — האָט דער אַלטער אים דערציילט, — „ווען זיי האָבן זיך גוט אָנגעשיקערט, האָט איינער פון די געסט, אַ דייטשישער אָפיציר, אַ הויכער, געזונטער יונגאַטש, פּשאַ יוכאַ, אַ זעץ געטאָן איבער איינעם פון די פיס און אים איבערגעבראָכן. דער פאַרטע־פּיאַן, יעזוס־מאַריאַ, אַזאַ גרויסער און שווערער, איז אַ זונק אַרונטער געטאָן צו דער ערד מיט אַ געדונער פון געמישטע, פיל־קלינגענדיקע אַקאָרדן, ווי פון הונדערטער קלויסטער־גלעקער. די געסט, אָבער — כאַטש ווי צעטומלט און איבערגעשראָקן — האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ כאַכמע. דער קאָמענדאַנט אַליין, פאָן ווידע, אַ שטאַרק־באַזויפענער — האָט אַף זיין שטייגער גענומען כיכיקען:

„האָט איר כאָטש געהערט דעם אַקאָרד, מיינע הערן, כע־הע־כע? . . . איך גלויב, אַז אַפילע וואַגנער אַליין וואָלט קיינמאָל אַזאַ קלינגענדיקן און שיינעם אַקאָרד ניט געקענט באַשאַפן, כע־הע־כע! . . .

„און ווי צו געפעלן די פוילישע געסט זיינע, די פּריצים, — צוגעגעבן:

„ניט וואַגנער און ניט שאָפּען, כע־הע־כע! . . .

„אַף צומאָרגנס, אָבער, אַז דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעניכטערט און דערזען דעם פאַרטעפּיאַן אַ צעלייגטן, ווי אַ טויטע כאַיע, אַף דער ערד, איז אים געוואָרן זויער אין מויל. ער האָט גענומען שרייען און זידלען, גערדראָעט אַלעמען, אַז ער וועט יעדן איינעם באַשטראָפן, סיידן מען וועט אים דעם אינסטרומענט גאַנץ מאַכן. ענדלעך האָט ער אַריינגערופן זיין פּערזענלעכן אַדיוטאַנט און אים באַפוילן צו זען גלייך קריגן ערגעץ צווישן די געוועזענע רייכע אידישע וואוינונגען אַ צווייטן פאַרטעפּיאַן:

„עס זאָל מיר ווערן פונקט אַזאַ אינסטרומענט ווי דער! — האָט ער אים שטרענג באַפוילן, — פונקט אַזאַ ווי דער! . . .

„דער אַדיוטאַנט, — איז דער אַלטער אָנגעגאַנגען מיטן דערציילן, — איז מיסטאָמע אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט אין געיעג נאָך אַ צווייטן פאַרטעפּיאַן, אָבער אָפן דריטן טאָג איז ער געקומען צוריק און האָט געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז פּונקט אַזאַ ווי דער־אָ, וואָס איז פון אַ געוויסער אויסלענדישער פירמע, איז ניטאָ אין ערגעץ צו קריגן. ער האָט דעריבער געראָטן דעם קאָמענדאַנט, צו זען קריגן אַ גוטן באַלמעלאָכע, וואָס זאָל דעם צעבראָכענעם פוס פאַריכטן . . .

„נו־נו, פרעגט שוין גאָרניט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע געשרייען און דראָאונגען, אַז מען האָט פּאָשעט מוירע געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אים. אַ גליק, וואָס איינער פון זיינע געסט, אַ פּוילישער פּאָרעץ און זיינס אַ מיטאַרבעטער, האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט פון אַ גוטן סטאָליער, אַ אידל, וועלכער פלעגט אַמאָל אַרומגיין איבער די הויף, און ער וועט קאָנען פאַריכטן דעם אָרגל — מאַמעש ניט צום דערקענען . . .

„טכילעס האָט דער קאָמענדאַנט אַפילע געמיינט, אַז יענער שפּאַסט עס אַזוי און ער האָט מיטגעלאַכט. שפּעטער, אָבער, אַז ער האָט געזען יענער מיינט עס ערנסט, האָט ער זיך גאָר אָנגעבלאָזן. ערשטנס, — האָט ער געוואָלט וויסן, — צי איז אין דער גאַנצער שטאָט טאַקע ניט פאַראַן קיין אַנדערער גוטער באַלמעלאָכע, נאָר גראָד אַ איד? . . . צווייטנס, — אויב שוין יאָ אַ איד, — פאַרוואָס גאָר אַזאַ, וואָס איז אַ גייער איבער די הויף? . . .

„דער נעמלעכער פּאָרעץ האָט אים אָבער פאַרזיכערט, אַז אויב דער הער פאָן־ווידע וויל, אַז דער פוס זאָל פאַראָכטן ווערן אַזוי, אַז מען זאָל עס אַפילע ניט דערקענען, איז דער איינציקער דערויף טאַקע נאָר אָט דער־אָ זעלבער איד, כילקע־כאַיקע, ווי ער האָט דיך גערופן, — נאָר דו, הייסט עס . . .

„דער קאָמענדאַנט האָט אַלץ ניט געוואָלט הערן דערפון. ענדלעך האָט ער — צי ווייל עס האָט אים פּאָשעט פאַראינטריגירט דער אייסעק, אַז אַ אידישער גאַסן־סטאָליער זאָל מאַכן די אַרבעט, צי ער האָט זיך געוואָלט איבער דיר לוסטיק מאַכן, — זיך פאָרט געלאָזט צורעדן און . . .“

כאַים־כיל האָט אויסגעהערט די מאַיסע און געשמייכלט. עס איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס אַ פּאָרעץ האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אים און פון זיין אַרבעט. ער האָט זיך דעריבער ערשט מיט פאַרשטאַרקטן כיישיק אַ נעם געטאָן צום פאַרענדיקן די אַרבעט. ער האָט דאָס אַזוי פיין אַרומגעשליפן, אַרומגעפּוצט, אָפּפּאָליטורט און אויסגעפּאָלירט גלאַטיק, אַז ווען מען האָט דעם ראָיאַל ענדלעך אַוועקגעשטעלט גלייך ווי געהעריק, האָט דער קאָמענדאַנט פּאָשעט ניט געקאָנט דערקענען וואו עס איז פריער געווען דער איבערבראָך. ער איז אַזוי שטאַרק צופרידן געווען, אַז ביים סאָף פון דעם צווייטן טאָג,

ווען כאַים־כיל האָט שוין געהאַט אָוועקגעלייגט זיינע קיילים אין קאַסטן אַריין און זיך גענומען גרייטן — ווי יעדן טאָג — אַף צום אַהיימגיין, האָט יענער אים צוגערופן, דערלאַנגט אַ פּאַפּירל פון עטלעכע מאַרק, באַפוילן דעם באַדינער אים צו געבן נאָך אַ בייטל מיט שפּייז און געהייסן דעם שאָפער אים אַהיימצופירן . . .

כאַים־כיל איז געווען שטאַרק צופרידן. און ניט בלויז איבער דעם פּאַר־דינסט און פון דער שפּייז וואָס ער האָט באַקומען, נאָר — איבערהויפּט דערפון, וואָס בעאייס דער אַרבעט דאָרט, ביים קאָמענדאַנט, האָט ער דערוויל געהאַט די געלעגנהייט צו הערן עטלעכע וויכטיקע מעלדונגען איבער דער ראַדיאָ. ער האָט, לעמאָשל, געהערט, אַז די רוסן האָבן אינגאַנצן צוריק אויס־געריניקט סטאַלינגראַד און דערביי פאַרנומען אַ גרויסן דייטשישן גענעראַל, צוזאַמען מיט טויזנטער געפאַנגענע דייטשישע סאָלדאַטן. דאָס איז איצט ביי אים, כאַים־כילן, מער ווערט געווען ווי דאָס גאַנצע געלט מיט דער שפּייז, וואָס ער פירט מיט זיך אַהיים . . .

עס האָט אים אויך שטאַרק האַנאָע געטאָן דאָס, וואָס דער קאָמענדאַנט גופע איז אַזוי צופרידן געווען פון אים, און אים געלאָזט וויסן, אַז מען וועט אים רופן ווען עס וועט זיך נאָר מאַכן עפּעס צו פאַריכטן. און דאָס, האָט כאַים־כיל געוואוסט, מיינט, אַז ווי ניט איז וועט ער שוין איצט האָבן מיט וואָס צוצופילעווען זיין קראַנקן דאַווטשען . . .

און בעעמעס: פון דעמלט אָן האָט מען שוין טאָקע פון קאָמענדאַנטס הויז אָפט געשיקט נאָך כאַים־כילן ער זאָל קומען מאַכן אַ געוויסע אַרבעט. עס איז ניט דורך קימאַט קיין איינציקע וואָך וואָס עס זאָל צו רייפס הויף ניט צופאָרן דעם קאָמענדאַנטס אָן אויטאָמאָביל, פאַרנעמען כאַים־כילן צו דער אַרבעט און אים צוריקברענגען אין אָוונט מיט געלט און אַ בייטל שפּייז, פון וועלכן ער האָט נאָך אַפילע געקאָנט אַרויסהעלפן אַנדערע נויט־באַדערפטיקע, ספּעציעל קראַנקע, שכיינים פונעם הויף . . .

דאָס וויכטיקסטע איז אָבער געווען, וואָס דאָס האָט אים געגעבן נייעם מוט. אין די פרייע טעג, ווען מען האָט אים צום קאָמענדאַנט ניט גערופן, האָט שוין כאַים־כיל — אַ דערמוטיקטער און אויפגעלעבטער — אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די הויפן פון דער געטאָ מיטן אַלטן פּיזמען זיינעם:

— „צי פאַראַכטן, צי פאַרלאַמען, שטילן, בעטן, טישן,
צי פאַליטורן מעבל, עס באַנאַיען און באַפרישן . . .“

דאָס איצטיקע אַרומגיין איז שוין אָבער ניט געווען אַזויפיל צוליבן זוכן אַרבעט, וואָס איז סיי ווי סיי ניט געווען בענימצע, נאָר קעדיי צו לאָזן וויסן די אידן פון דער געטאָ וואָס עס הערט זיך איבער דער וועלט. פונקט ווי

אַמאָל, אין די פריערדיקע פרידלעכע צייטן, אַזוי האָט ער איצט, אויך דורך די נעגונים געלאָזט וויסן די אידן ווי עס האַלט אַף די פראָנטן. און די איינוואויגער האָבן זיך שוין גאַנץ גוט דערוואוסט, אַז אויב כאַים־כיל זינגט זיין פיזמען מיטן ניגן פון „אייכאָ", איז עס ניט אַזוי פריילעך דאָרט. אויב, אָבער, דער ניגן איז געווען ווי פון „אַקדאָמוים", האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס גייט גוט און מען קאָן אָנהויבן האָפן, אַז . . .

* * * * *

פּלוצים, איינמיטן נאַכט, זענען אַף רייפּס הויף אָנגעפאַלן אַ גרופּע שטורעם־טרופּערס און פאַרנומען דעם ראָוו, רעב מייערלען. די קלאַגן קעגן אים זענען געווען, אַז ער האָט אַגיטירט קעגן דער רייכס־מאַכט און געררייצט די אידן זיך קעגנצושטעלן אירע געזעצן און באַפעלן . . .

כאָטש געניוי אין וואָס די קלאָגע איז באַשטאַנען, האָבן די טרופּערס ניט געזאָגט קיינעם. האָבן אָבער אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אַוואדע זיין איבער דער געשיכטע וועגן די מיידלעך פונעם הויף . . .

ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צום קאָמענדאַנט, — צי פון רייפּן גופא, דעם אַלטן הויז־ווירט; צי פון איינעם פון זיינע זין, וועלכער האָט גוט גערעדט און פאַרשטאַנען אידיש, ווייל געבוירן און דערצויגן אין זעלבן הויף צווישן אידן, און זינט די נאַציס האָבן פאַרנומען וואַרשע — געוואָרן זייערס אַ פרומער אָנהענגער; צי דאָס האָט עפּשער גאָר געלאָזט וויסן רייפּס טאָכטער, וועלכע האָט געהאַט אַ דייטשישן לייטענאַנט פאַר אַ געליבטן, — איז געווען אומ־באַוואוסט. סיי ווי סיי, דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן אַרעסטירן דעם ראָוו, און אים ברענגען צו זיך אין דער קאָמענדאַנטור אַריין . . .

די שכיינים פונעם הויף זענען אַרומגעגאַנגען מאַמעש ווי אָן קעפּ. אידן האָבן געוויינט מיט הייסע טרערן ווי אין טישע־בעאָוו. די אידענעס האָבן געבראָכן די הענט:

— אונדזער קרוין פון קאָפּ! וואָס וועט איצט ווערן פון אים ?! . . .

— אוי, ווער וועט אונדז טרייסטן, אָנהאַלטן אונדזער ביטאָכן ?! . . .

בלויז איין כאַים־כיל, דער סטאַליער, איז ניט געווען פאַרצווייפלט. אין געדאַנק ביי זיך האָט ער געכאָוועט אַ שטיקל האָפנונג, אַז איצט, ווען ער אַליין האָט אַזוי נויטע־כיין געווען ביים קאָמענדאַנט, וועט ער מיסטאָמע קאָנען רעדן צו אים און אים קאָנען באַווייזן, אַז דאָס איז געווען אַ טאָעס; אַז דער ראָוו איז אומשולדיק . . . ער האָט דעריבער בלויז געהאָפט, אַז עס זאָל נאָר דערווייילע דעם ראָוו, כאָלילע, גאָרניט געשען, ביז ער, כאַים־כיל, וועט

אַהינגערופן ווערן צו מאַכן עפּעס אַן אַרבעט פאַרן קאָמענדאַנט און דאָן . . .

כאַים־כיל האָט ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. אין אַ פרימאָרגן איז דעם קאָמענדאַנטס שאָפער — ווי געוויינטלעך — צוגעפאָרן מיטן אויטאָמאָביל צום טויער, האָט אים אַרויסגערופן און אַוועקגעפירט. ער, כאַים־כיל, כאָטש ער איז יעדעסמאָל פריער געגאַנגען מיט ניט איבעריקן כיישעק אַהינצו, ווייל עס איז אים געווען דערווידער צו אַרבעטן ביים נאַצישן מערדער, — איז אָבער דאָסמאָל געגאַנגען אַ האַפערדיקער. ער האָט זיך איצט שוין געפילט מער־וויניקער היימיש דאָרט און געהאָפט, אַז זיין איצטיקער גאַנג אַהינצו וועט זיין אַ מין שליכעס־מיצווע און אַז אים וועט אַוודע געלינגען אָפּצו־ראַטעווען דעם מייערלען, דעם ראָוו, פון בייז . . . אויפן גאַנצן וועג האָט ער זיך אַלץ געכאַזערט ווי אַזוי ער זאָל רעדן און וואָס ער זאָל זאָגן דעם קאָמענדאַנט. ער האָט דעריבער געמאַכט אַ פריילעכע מינע ביים אַריינקומען, האָט זיך פריינטלעך באַגריסט און דרייסט אַ פרעג געטאָן ביים קאָמענדאַנט:

— גוט־מאָיען, הער קאָמענדאַנט! וואָס האָבן זי הויטע פאַר מיר? . . .

— אָ, איין קלייניקייט, — האָט יענער געענטפערט, ליגנדיק אויסגעצויגן אַף אַ ווייכער קושעטקע און האַלטנדיק אַ גלאָז וויין ביים מויל. — עס איז בלויז אָט דאָס טישעלע לעבן מיר, וואָס איך וויל דו זאָלסט צואַרבעטן דערצו אַ נידעריקערן פלאַך, אַף צום האַלטן דערויף אַ ווין־פלאַש מיט גלעזלעך . . . דערפאַר, אָבער, — האָט ער מיטאָמאָל אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, — אַז דו וועסט דאָס האָבן פאַרטיק געמאַכט, וועל איך ערשט האָבן פאַר דיר דאָס עמעסע שטיקל אַרבעט, מאַמעש אַ קונסט־ווערק, פון וועלכן דו וועסט זיכער פאַרגעניגן האָבן, כע־הע־כע! . . .

כאַים־כיל האָט זיך אויסגעטאָן דאָס כאַלאַטל. ער האָט אויסגעמאָסטן דאָס פּלאַץ, אַריינגעבראַכט אַ ברעט, וואָס אַ באַדינער האָט געהאַט גרייט פאַר אים אין קיך, און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, — צוזעגן דאָס לויט דער געהעריקער מאָס. ער האָט זיך מיט כיישעק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, וואַרטנדיק אַף אַ געלעגנהייט צו קאָנען אָנהויבן רעדן מיטן קאָמענדאַנט וועגן דעם ראָוו, רעב מייערלען. פּלוצים, אָבער, האָט דער קאָמענדאַנט אים אַ רוף צו געטאָן צו זיך, אים געוויזן אַ שטיקל פּאַפּיר, אַף וועלכן עס איז מיט בלייפעדער געווען אויסגעצייכנט עפּעס אַ סלופּ, און גענומען לאַכן:

— זעסט, כילקע־כאַיקע, אָט דאָס־אָ איז עס וואָס דו וועסט ברויכן צו מאַכן. עס וועט אָבער מוזן זיין אַ קונסט־שטיק, ווייל עס איז פאַר גאָר אַ גרויסער פערזענלעכקייט. פאַרשטאַנען? . . . דאָ, אין סאַמע פראָנט פון מיין קאַנצעלאַריע, וועסטו זי אויפבויען . . . און ניט נאָר אַ קרעפטיקע זאָל זי זיין, נאָר אויך אַ שיינע, כע־הע־כע, ווי עס פּאַסט פאַר דעם ראָבינער דיינעם . . .

ער האָט געגומען לאַכן אַזוי ציניש און פּרעך, געלאַכט אַזוי לאַנג און הילכיק, אַז כּאַים־כּיל איז געבליבן שטיין מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע פאַרלוירנקייט און אַנמאַכטיקייט, פּונקט ווי אַ כּאַלאַשעס וואָלט אים מיטאַמאָל באַפאַלן. דער מאַרך פון זיינע ביינער, ווי די מאַכט פון זיינע הענט און פיס, האָט זיך אים געדאַכט, האָלט אַט־אַט ביים אַרויסרייסן זיך פון אים און וועט — ווי אַ פייגעלע — אַוועקפליען . . . דאָס געלעכטער, דעם קאָמענדאַנטס, איז שוין איצט געווען אַזוי ביטער, אַזוי ווערעמדיק, אַז עס האָט אַזש כּאַים־כּילן גענומען עקלען. און אַט דער דאַזיקער עקל, האָט ער געפילט, האָט עס אים טאַקע באַלד צוריק צו די כושים געבראַכט. ער איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק אויפגערעגט, אַז ער האָט אַפן מאָמענט פאַשעט געוואָלט אַוועקלייגן די זעג פון דער האַנט, זיך אויפהויבן, אַוועקגיין, און אַפילע די אַרבעט ניט פאַר־ענדיקן, — מעג געשען וואָס עס וויל . . . אָבער אַט האָט דער קאָמענדאַנט זיך ווידער אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, העפּטיק אַ זופּ געטאָן אַ העלפט פונעם גלאָז, עס אַוועקגעשטעלט לעבן זיך, אַפן טישעלע, און — שוין דראָענדיק — גענומען ברומען:

— דו האָסט מיר ניט געענטפערט, דו פאַרפלוכטער יודע! אַלץ ניט געענטפערט! . . . אַלזאָ, וועסט זיך נעמען צום בויען אַט דאָס, ווי איך האָב דיר אָנגעצייכנט און באַפוילן, אָדער . . . זאָג, דו ווערעמדיקער יודע, וואָרים . . . נון, וואָרום ענטפערסטו ניט ווען איך רעד צו דיר, דו?! . . .

און באַלד, ווידער אין געלעכטער:

— אָ, איך זע, אַז דו צעגערסט . . . דו ווילסט זיך, זעט אויס, פון דעם אַרויסדרייען . . . ניכט וואַר, כע־הע־כע? . . . נו זאָג, דו! . . .

און פּלוצים, זיך אויפזעצנדיק, גענומען דראָען מיטן רעוואָלווער:

— ווייסטו כּאַטש, דו שמוציקער יודע, וואָס איך וועל טאָן מיט דיר, אין פאַל דו וועסט מאַכן פוילע שטיק און זיך אָפּזאָגן דורכצופירן מיין באַפעל?. . . איך וועל, כע־הע־כע, איך וועל דאַן זען, אַז ניט נאָר זאָלסטו אונטער צוואַנג מוזן בויען די טליע, נאָר אַז דו אַליין טאַקע, מיט דיינע אייגענע הענט, זאָלסט אויך דאַרפן אים אויפהענגען, דעם ראַבינער דיינעם . . . איך גלויב, כע־הע־כע, אַז דאָס וועסטו שוין אַוואָדע יאָ וועלן טאָן. וואָרים דו וועסט דאָך זיכער ניט וועלן דערלאָזן, אַז מיר, די פאַרהאַסטע נאַציס, זאָלן פאַר־שמוצן דעם הייליקן קערפּער פון דעם הויך־געאַכטעטן ראַבינער דיינעם, כע־הע־כע . . . ניכט וואַר?! . . .

כּאַים־כּיל איז געשטאַנען און געציטערט. אַ שווערער שוויס איז שוין איצט אַרויסגעטראָטן אַף זיין פּאַנים און אים אַזוי שטאַרק גענומען ברענען אין די אויגן, אַז ער האָט זיך אַזש גענומען ווישן מיטן אַרבל פונעם העמד.

דער קאָמענדאַנט — מיינענדיק, אַפּאָנים, אַז ער וויינט, — האָט נאָך שפּאָטישער געגומען לאַכן:

— איך זע, כע־הע־כע, אַז דו שרעקסט זיך . . . נון, דאָס איז זייער גוט, פאַרפלוכטער! מען דאַרף זיך שרעקן פאַר אונדז. . . מיר ווילן טאַקע, אַז מען זאָל זיך שרעקן . . . גוט, זייער גוט, כע־הע־כע! . . .

כאַים־כיל איז אַלץ געשטאַנען און געציטערט. ער האָט איצט בלויז געוואוסט, אַז דאָס ציטערט ער אַזוי ניט פאַר שרעק, נאָר פון דעם עקלדיקן געפיל וואָס איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט זיך געפּרוואווט באַהערשן, אויפצוהערן ציטערן, קעדיי ניט צו געבן דעם קאָמענדאַנט די געלעגנהייט אַזוי צו שפּאָטן פון אים. אָבער וויפל ער האָט זיך ניט געפּלייסט, איז עס אים ניט געלונגען. דעם קאָמענדאַנטס אויס־טערלישער געלעכטער האָט אים גערעגט און געפּייניקט ווי מיט שאַרפע שפּיז־לען . . . אין יענעמס געלעכטער איז איצט געלעגן אַזויפיל רישעס, אַזויפיל צו־לעהאַכעס, אַז ער אַליין איז זיך אַזש פאַרגאַנגען ווי אין אַ קאָנוואולסיע. מיד פון שיקרעס און אומאויפהערלעכן געלעכטער, האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ זיינעם איבער דעם קאָפּ־שטיק פון דער קושעטקע, אַז דער געפּאַלדעוועט־פעטער האַלדז זיינער האָט מיטאַמאָל אין כאַים־כילס אויגן גאָר באַקומען דעם אָנבליק ווי אַן אויסגעצופּטער האַלדז פון אַ הון, איידער דער שויכעט נעמט זיך אַ פיר טאָן איבער דעם מיט זיין שאַרפן כאַלעף . . .

און יענער האָט דערוויל אַלץ געלאַכט מיט ווילדער האַנאָע:

— יאַ־יאַ, — האָט ער געקנאַקט מיט די פינגער און איז זיך אַזש פאַר־גאַנגען, — דאָס איסט דאָך צוואַר זייער אַ פיינער געדאַנק ווי אַנצולערנען די אומגעהאַרכזאַמע, כע־הע־כע . . . דאָס וועט זיין זייער פיין, — צווינגען זיי מיט די אייגענע הענט, כע־הע־כע, צו פאַרניכטן איינס דאָס אַנדערע! . . .

כאַים־כיל איז שוין איצט געווען אויסער זיך. ער האָט שוין אַפילע מער ניט געהערט קיין געלעכטער. איצט איז עס אים גאָר אויסגעקומען ווי עפּעס אַ מאָדנע געבריל פון אַ כאַיע. ער האָט געטראַכט און בלויז געזוכט זיך צו דערמאָנען וואו ערגעץ, ווען און פון וואָס פאַר אַ כאַיע ער האָט אַט אַזאַ מין געבריל געהערט . . . און ער האָט זיך דערמאָנט. יאָ, עס איז געווען מער ענלעך אַפן צעצויגענעם געוואָי פון דעם מויל־אייזל, וואָס ער האָט אַמאָל, בעאיס זיין מיליטער־דינסט געהאַט געזען, איידער צו אַ מענטשלעכן גע־לעכטער . . . און נאָך האָט ער זיך דאָ אַפן מאָמענט דערמאָנט. עס איז אים פּלוצים אַפן געדאַנק געקומען צוויי זאַכן מיטאַמאָל. איינס — וואָס מען האָט אים דאָרט, אין מיליטער־דינסט, געהאַט געלערנט: — „ווען דו געגנסט זיך אָן מיטן סוינע, זאָלסטו פאַרגעסן אין מענטשלעכקייט, אין ראַכמאָנעס; טו

אים שנעל אַ יאָג אַריין דעם באַגנעט אין בויך אַריין, איידער ער טוט עס צו דיר!", און דאָס צווייטע — וואָס ער האָט נאָך אַלס אינגל אין כיידער גע־לערנט: — „האַבאַ לעהאַרגאָך — האַשקיים לעהאַרגוי" . . .

אויפגעפרישט פון אַט די דערמאָנונגען, האָט כאַים־כיל גלייך דערפילט ווי די גאַנצע שרעק, דאָס גאַנצע ציטערניש, האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס אַזוי ווי פּלוצים אָפּגעטאָן פון אים. ער האָט איצט בלויז געפילט אַ שטאַרקע סינע, אַ ברענענדיקן האַס צו אַט דעם ווילדן באַשעפעניש, וואָס ליגט דאָ אַזוי כוצפּעדיק צעלייגט און לאַכט אַזוי ווילד . . . די סינע זיינע האָט זיך געשטאַרקט פון רעגע צו רעגע און איז זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, אין דער טיף, און אַריינגעדרונגען אין זיינע הענט און פיס. די זעג אין דער האַנט האָט אַזש וויברירט פונעם שטאַרקן געציטער און . . . מיטאַמאָל, ווי סטימולירט פון דעם זעלבן געציטער, האָט ער, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו טראַכטן און באַטראַכטן זיך, — פלינק ווי אַ קאַץ, וואָס איז ביכלאַל ביט געוועזן אין זיין געלאַסענער, מעיושעוודיקער נאַטור, — אַ יאָג געטאָן די זעג איבער אַט דעם צעלייגטן, אויסגעצויגענעם האַלדז, און גענומען פידלען מיט איר אַהין און צוריק . . . .

דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַפילע טייקעף אַ כאַפּ געטאָן, געפּרואווט אויפ־שפּרינגען און זיך ווערן, אָבער כאַים־כיל איז שוין געשטאַנען מיט אַ קני איבער זיין בויך און האָט אים פעסט צוגעדריקט צום פלאָץ, אַט אַקוראַט ווי ער פלעגט עס טאָן בעאייסן איינזעגן אַ ברעט און . . .

ער האָט שוין מער גאַרניט ביט געזען פאַר זיך. זיינע אויגן — אָנ־געגאָסענע מיט טרערן און פייער־פונקען — האָבן שוין איצט מער ביט געזען דעם קאָמענדאַנט און אַפילע ניט דאָס רויטע בלוט, וואָס האָט אַ שפּראָץ געטאָן פון אונטער דער זעג . . . ער האָט שוין אַפילע ניט געהערט מער דעם געכאַרכל און דעם געברום פונעם קאָמענדאַנט . . . געהערט האָט ער בלויז ווי עפּעס אַ שטימע, אַ ווייטע, פונקט ווי פון אַ צווייטן מענטשן, נאָר אינעווייניק אין אים גופע, האָט צוגעזונגען צום ריטם און גאַנג פון דער זעג:

— „אַט אַזוי זעגט אַ סטאָליער, אַט אַזוי שניידט ער דורך . . ."

אָבער נאָך העכער פון אַט דער מאָדנער פרעמדער שטימע, העכער פונעם געכאַרכל, האָט כאַים־כיל געהערט דאָס אַריבערשרייען פון אייגענעם געדאַנק:

„דאָס איז פאַר מיר, פאַר פערלען, פאַר דאַווטשען, פאַר מיילעכן, פאַר רעב מייערלען, פאַרן גאַנצן קלאַל איסראָעל, פאַר דער גאַנצער וועלט! . . ."

כאַים־כיל האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז אַרום אים איז מיטאַמאָל אַלץ עפּעס אַזוי שטיל געוואָרן. שטאַרק שטיל. די דאָזיקע פּלוצימדיקע שטילקייט האָט גענומען רוישן אין זיינע אויערן און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן

אַנטלויפֿן. דערווייל, אָבער, האָט די בעמלעכע שטילקייט אַפּאַנים אַרויסגערופֿן א פֿאַרדאַכט אין די דערבייאיקע צימערן און עס זענען גלייך אָנגעלאָפֿן עטלעכע שטורעם־טרופּערס פֿון דער דערבייאיקער קאַנצעלאַריע. זיי האָבן געפּרואווט אָוועקשלעפּן כאַים־כילן פֿונעם קאָמענדאַנט, אָבער ער — עפּעס נאַר ווי אַ צונויפֿגעוואַקסענער צו יענעם — איז געווען פּאַשעט ניט פֿון אָרט צו רירן. סיי ווי סיי איז שוין איצט צו שפּעט געווען. דעם קאָמענדאַנטס קאָפּ האָט שוין שמאַטעדיק אַרונטערגעהאַנגען איבער דעם אָנלען־קעפּל פֿון דער קושעטקע . . .

עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שאָס און . . .

כאַים־כיל איז אָוועקגעפֿאַלן איבערן קאָמענדאַנטס קערפּער, גלייך אַנט־קעגן יענעמס פּאַנים, וואָס איז געווען פֿאַרוואַשן אין בלוט . . . ווען ער, כאַים־כיל, וואָלט דעמלט געווען באַ זיינע כושים, וואָלט ער זיכער זיך געוווּנען געכידעשט — און עפּשער אויך האַנאָע געהאַט — איבער דעם, וואָס אָף דעם קאָמענדאַנטס פּאַנים איז שוין מער ניט געבליבן דער מינדסטער סימען פֿון דער פֿריערדיקער זעלבסט־זיכטיקייט, שטאָלץ און באַפֿעלערישקייט. כאַים־כיל וואָלט איצט גאָר געזען די פֿאַרשטאַרטע, פֿאַרגלעצטע אויגן, וואָס האָבן אָף אים געקוקט מיט צעטומלטן שרעק, פּיין און געבעט, ווי איינער וואָס איז גרייט אָוועקצוגעבן אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט, אַבי מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן . . . עס איז שוין אָבער סיי ווי צו שפּעט געווען, און עס וואָלט אים שוין איצט קיינער און גאָרניט ניט געקאָנט העלפֿן, אַפֿילע ניט כאַים־כיל אַליין, וועלכער האָט געפֿילט אַזאַ שטילע צופֿרידענע באַרואיקונג אין זיין אייגענער זינקעניש . . . אַ שמייכל — אַזאַ, וואָס האָט נאָך עפּשער קיינמאָל ניט גערוט אָף זיין פּאַנים — האָט איצט אָף דער גיך אַ בליצל דורך געטאָן איבער כאַים־כילס ליפּן, פֿון צווישן וועלכע עס האָט זיך געפֿינעט אַ דין שנירעלע בלוט . . .

און דאָס בלוט זייערס, כאַים־כילס און דעם קאָמענדאַנטס, האָט זיך געשנירלט אַרונטערצו, האָט זיך צונויפֿגעמישט אינאיינעם, און איז איינ־געזאַפּט געוואָרן אין דער טיפֿער האַריקייט פֿונעם טייערן געבלומטן פּערסישן טעפּיך, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום אידישן באַנקיר צוזאַמען מיט דעם הויז. עס איז אַפֿילע ניט געווען צו דערקענען וואו עס ענדיקט זיך דאָס בלוט פֿון כאַים־כילן, דעם אידישן סטאָליער, און וואו דאָס „ריינע, אַרישע" — פֿון קאָמענדאַנט . . .

* * * * *

צו יעדן לייענער — אַ ווענדונג פון מעכאַבער!

כאַשעוועור פריינט:—

נאָכדעם ווי איר האָט איבערגעלייענט אָט די דערציילונג: „אָט אַזוי זעגט אַ סטאָליער” און קאָל-זמאַן איר זענט נאָך אונטערן איינדרוק פון דעם געלייענטן, ווערט איר זיכער אַ טראַכט טאָן, אַז יעדער אידישער מענטש, וועלכען קאָן נאָר לייענען אַ אידיש וואָרט; אַז יעדער איד, וועלכער טראָגט נאָר אין זיין האַרצן אַ פייערדיקע סינע צו די נאַצי-פאַשיסטישע מערדער (און וועלכער איד טראָגט עס דען ניט?), דאַרף לייענען אָט די דערציילונג.

איר וועט זיכער צוגעבן, אַז נאָכן לייענען אָט די דערציילונג האָט איר געפילט אַ גרויסע צופרידנקייט, אַקוראַט ווי איר פּערזענלעך — און ניט בלויז דער סטאָליער כאַים-כיל — וואָלט נעקאָמע גענומען אין דעם ווערעמדיקן, סאַדיסטישן נאַצי, און איר וואָלט אַוואַדע ווען, אַז אַלע אייערע פריינט זאָלן דורכלעבן דעם זעלבן צופרידענעם נעקאָמע-געפיל...

בעט אייך דעריבער דער מעכאַבער:

אַזוי גיך ווי איר פאַרענדיקט לייענען דאָס ביכל, טוט אַ טראַכט וויפל פון אייערע פריינט, באַקענטע, שכיינים און קרויווים עס וואָלטן געקענט און געדאַרפט לייענען דאָס ביכל. דאַן שרייבט אויס דאָס פּאָסט-קאַרטל, וועלכעס מיר דרוקן דאָ און באַשטעלט אַ צאָל קאָפּיעס, אַז איר זאָלט האָבן צום פאַרקויפן צווישן אייערע פריינט, שכיינים, קרויווים און באַקענטע.

איר דאַרפט גאָרניט אינוועסטירן קיין געלט, נאָר בלויז אַ ביסל מי און ווילן צו זען, אַז אַלע אייערע פריינט, מיט וועמען איר קומט נאָר אין באַריר, זאָלן דאָס ביכל קויפן און לייענען. און יעדער איינער — דאָס זענען מיר זיכער — וועט עס קויפן אויב איר וועט עס אים נאָר געבן אין האַנט אַריין און אים דערקלערן, אַז ער דאַרף עס לייענען. נאָך מער: ער וועט אייך זיכער דאַנקען נאָכדעם ווי ער וועט עס האָבן איבערגעלייענט.

לייגט עס ניט אָפּ! טוט עס גלייך! מיטן שנעלן פאַרשפּרייט פון אָט דער דערציילונג, וועט איר דערמעגלעכן מיר זאָלן קענען וואָס גיכער אַרויסגעבן די ווייטערדיקע דערציילונגען פון דער סעריע...

אין דאַנק פאַר אייער מיטהילף, פריינטלעך אייער,

כאַים מאַרגאָלעס-דאַווידזאָן

From:

....

....

....

PLACE
1¢ STAMP
HERE

H. DAVIDSON

2855 Barker Avenue

Bronx 67, N. Y.

צוליב געוויסע טעכנישע סיבעס זענען מיר געצוואונגען צו פארקויפן די דער-
ציילונג בלויז אין צאלן פון 4, 8, 12, 16, 20 און אזוי ווייטער קאפיעס, וואס זאלן
צוזאמען באטרעפן אין גלייכע דאלארס. (פרייז 4 קאפיעס — $1.00.)

איינצל פרייז 35 סענט

ISBN:0-657-03386-3

באמערקונג:

שניידט אויס דאס קארטל לויט די אנגעצייכנטע ליניעס (אדער באנוצט א גע-וויינטלעך פאסט-קארטל), שרייבט אויס קלאר אייער נאמען מיטן אדרעס און די צאל פארלאנגטע ביכלעך פון דער דערציילונג „אט אזוי זעגט א סטאליער", וועט איר זיי גלייך באקומען צוגעשיקט.

איר קאנט, אויב איר ווילט, צושיקן די געלט פאר די ביכלעך, גלייך מיט אייער באשטעלונג, אדער איר קאנט באצאלן פאר זיי ערשט נאכדעם ווי איר וועט זיי האבן פארקויפט.

אויב איר ווילט זיין זיכער צו קריגן צוגעשיקט דירעקט פון אונדז די קומענדיקע דערציילונגען פון דער סעריע, שרייבט-זשע אונדז גלייך א פאסט-קארטל, גיט גענוי אן אייער נאמען מיטן אדרעס און וויפל קאפיעס איר ווילט האבן. איר וועט דאן באקומען צוגעשיקט די נעקסטע דערציילונג אזוי גיך ווי עס וועט נאר דערשיינען.

(פאר די קומענדיקע ביכלעך שיקט ניט קיין געלט.)

טייערער פריינט:

איך האב געלייענט די דערציילונג און איך שטים איין, אז זי דארף גע-לייענט ווערן פון אלע אידישע מענטשן. איך וויל זיך דעריבער איצט פארפליכטן צו פארשפרייטן די ביכלעך צווישן א צאל פון מיינע פריינט, כאווירים, באקאנטע.

זייט אזוי גוט און שיקט מיר צו .... קאפיעס פון געטא-דערציילונג „אט אזוי זעגט א סטאליער".

פארשרייבט מיר אויך פאר .... קאפיעס פון אייער קומענדיקער דערציילונג פון דער סעריע.

☐ בייגעלייגט געפינט א טשעק אף דער סומע פון ....$ פאר דער פארלאנגטער צאל ביכלעך, לויטן פרייז פון 25 סענט פער קאפיע.

☐ איך וועל אייך צושיקן די געלט פאר די ביכלעך, אזוי גיך ווי איך וועל זיי האבן פארקויפט.

מיט פריינטלעכע גרוסן, אייער,

Name ....

Number and Street ....

City .... Zone .... State ....

(דרוקט קלאר דעם נאמען און אדרעס)